STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01931

AMERIKANA

David Rodin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד ו ד   ר אָ ד י ן

אַ מ ע ר י ק אַ נ אַ

נאַציאָנאַלער ייִדישער ביכער צענטראַלע
National Yiddish Book Exchange

2951

DAVID RODIN

AMERICANA

כל זכויות שמורות

©

COPYRIGHT — 1979

BY ALI LEVIN, BET HERUTH, ISRAEL

PRINTED IN ISRAEL

נדפס בישראל

דפוס „ראש פינה", רח' ראש פינה 19, תל־אביב

דוד ראָדין

אַמעריקאַנאַ

תל אביב, תש״ם — 1979

אינהאַלט

א. מיינע פוס־טריט אין דעם

לאַנד פון די פעלקער

ווידמונג 5
מיין געזאַנג צו אַמעריקע 7
ווי אַ היימלאָזער בעטלער 10
צו דעם לאַנד פון די פעלקער 11
מיט קאָפּ אין די וואָלקנס 13
דאָס שטעטל 14
נאַכט אין שטעטל 16
אַלטע ווינט־מיל 17
גריל און שטערן 18
פּאָול באָניאָן 19
ווי אָנזאָג 21
ערשטער פּייף 22
ווינטער אין שטעטל 23
ווייסע קברים 24
איינגעפראָרן 25
מיינע צוגעקומענע שכנים 26
מיין טרייסט 27
אָט אַזאַ איז שוין מיין גורל 28
פוס־טריט 29
פשוטע רייד פון דעם מענטש אין מענטש 30
אילײדזשאַ ענטפערט 33

ב. פון עליע פּאַרמערס מעשׂיות

מיין הונט קוגאַר 39
קוגאַר און דער וואָלף 41
מיין רויטע קו 46

ג. פון די לעגענדעס וועגן דעם אַמעריקאַנעם

פאָלקס־העלד פּאָול באָניאָן

אַריינפיר 65
אים שניידן זיך ציין 69
דער ערשטער סימן 72
פּאָול'ס וויגעלע 73
פּאָול און דער בלויער אָקס — („בייב") 94
בעיב באַווייזט וואָס ער קען 104

ווידמונג

איך ווידמע דאָס בוך
דעם אָנדענק פון מיינע ברידער —
מענדל און יוסף לעווין:

מענדל האָט מעגלעך געמאַכט פאַר מיר
דאָס לערנען אין יידישן לערער־סעמינאַר,
און שפּעטער —
אויפנעמען קורסן אין
„געשיכטע פון דערציונג" און „פּסיכאָלאָגיע",
אין „יוניווערסיטי אָוו פּענסילווּעניע"
אין פילאַדעלפיע.

יוסף האָט מעגלעך געמאַכט פאַר מיר
אַרויסצוגעבן מיין ערשטן, שיין אילוסטרירטן,
בוך פאַר קינדער: „ווינקאווינקעלע".

איך דערמאָן דאָ בלויז אַ פּאָר פאַלן
פון ברידערלעכער איבערגעגעבנקייט,
וועלכע האָבן פאַר מיר געעפנט
ברייטע שטחים אין גאַנג פון מיין לעבן.
די געטריישאַפט פון מיינע ברידער
וועל איך געדענקען ביזן סוף פון מיין לעבן.

אלי לעווין

פּסעוו: **דוד ראָדין**

א.

מיינע פּוס־טריט
אין דעם לאַנד
פון די פעלקער

מיין געזאַנג צו אַמעריקע

כ׳בין געשווומען און געשווומען,
צו אַ ברעג אַ ברוינעם צוגעקומען:
— ברעג דו ברוינער, ברעג דו ברייטער,
אויף דיין ערד, דער ווײַט פֿאַרשפּרייטער,
קען אַ וואַנדערער געפינען רו?

— ניין!
ניין!
ניין, נישט דו!

און פֿון ווײַטן מערב,
ווי אַן עכאָ,
טראָגט געזאַנג — זאַנג — זאַנג
אין וואָרט און קלאַנג — קלאַנג — קלאַנג:

— הער! הער! הער דאָס קול
פֿון הויכן באַרג, פֿון ברייטן טאָל —

„קום און רו, מיין ערד איז רייך!
קום און לעב מיט אַלעם גלייך!
רויט און ווייס און בלוי אין מיטן
שטייט אַ טורעם אויפֿגעשטעלט,
ווערט דער טורעם דיך פֿאַרהיטן
פֿון דעם שטורעם אויף דער וועלט...״

כ׳בין געשווומען און געשווומען
צו אַ ברעג אַ געלן צוגעקומען:

— ברעג דו געלער, ברעג דו גרויסער!
אויף דייַן ערד, דער זאַמדיק־הייסער,
קען אַ וואַנדערער געפינען רו?

— ניין!
ניין!
ניין, נישט דו!

און פון ווייַטן מערב,
ווי אַן עכאָ,
טראָגט געזאַנג — זאַנג — זאַנג
אין וואָרט און קלאַנג — קלאַנג — קלאַנג:

— הער! הער! הער דאָס קול
פון הויכן באַרג, פוןברייטן טאָל —

„קום און רו, מייַן ערד איז רייך!
קום און לעב מיט אַלעם גלייך!
רויט און ווייס און בלוי אין מיטן
שטייַט אַ טורעם אויפגעשטעלט,
וועט דער טורעם דיך פאַרהיטן
פון דעם שטורעם אויף דער וועלט...״

האָב איך צום מערב זיך פאַרנומען,
צו אַ ברעג אַ זוניקן צוגעקומען:

— ברעג דו זוניקער, ברעג דו זאַטער!
אויף דײַן ערד, דער פּרוכטבאַר־פעטער,
קען אַ וואַנדערער געפינען רו?

— גלייך ווי אַלע,
קום אויך דו!

און פון הויכן באַרג, פון ברייטן טאָל,
ווי אַן עכאָ,
טראָגט געזאַנג — זאַנג — זאַנג
אין וואָרט און קלאַנג — קלאַנג — קלאַנג:

— הער! הער! הער דאָס קול
פון הויכן באַרג, פון ברייטן טאָל —

„קום און רו, מײַן ערד איז רייך!
קום און לעב מיט אַלעם גלייך!
רויט און ווייס און בלוי אין מיטן
שטייט אַ טורעם אויפגעשטעלט,
וועט דער טורעם דיך פאַרהיטן
פון דעם שטורעם אויף דער וועלט..."

ווי אַ היימלאָזער בעטלער

ווי אַ היימלאָזער בעטלער אויף אַ מיסט־בערגל,
ציט אַראָפּ פון זיך זײַן קלייד פון ווערים צעפּרעסן,
אַזוי האָב איך דאָס לאַנד פון מײַן וויגל

אויסגעטאָן פון זיך,
און מיט נאַקעטן עקל אין האַרץ
זיך דערווײַטערט פון איר —
אויף אייביק!

נישט צו דערמאָנען!
נישט צו געדענקען!
נאָר — צו פאַרגעסן!
צו פאַרגעסן...

צו דעם לאַנד פון די פעלקער *

איך האָב אין וויַיטן וואַנדער־וועג זיך געלאָזט,
צו זוכן אַ ווינקל אַ געבענטשטן
ווו מען טייטלט אויף מיר נישט קיין פינגער,
ווו דער מענטש איז אַ מענטש צווישן מענטשן.

מיט דעם הייליקן רעכט פון „מענטש צווישן מענטשן",
וואָס איך האָב בירושה באַקומען,
בין איך צום וויַיטן, צום זוניקן לאַנד,
צום „לאַנד פון די פעלקער" געקומען.

ווי אַ מאַמע נעמט אויף איר פאַרוואָגלט קינד,
אַזוי האָט דער „שמעלצטאָפּ" מיך אויפגענומען
און געזאָגט:
— מייַן קינד, זע,
דאָס לאַנד איז גרויס און ברייט;
דער וויַיטער מערב און דער הויכער צפון
ליגן פאַר דיר אָפן, גרייט
און רופן מיט ברייטע שטחים רויע —
„קום און בוי"!...

* אַמעריקע ווערט אָנגערופן מיט מער ווי איין צונאָמען, ווי — „דאָס לאַנד פון די פעלקער"; „דאָס לאַנד פון די בראַווע און די פרייע"; „דאָס לאַנד פון גלייכהייט און פרייהייט"; „דאָס לאַנד פון טויזנט געלעגנהייטן"; „דער שמעלצטאָפּ" — (פון אַלע פעלקער אין דער וועלט, אין איין פאָלק).

האָב איך פרום געבענטשט מײַן קומען
און האָב מיט פולער האַרץ געזאָגט:
— ביסט מײַן לאַנד מײַן נײַע;
ביסט מײַן לאַנד מײַן פרײַע;
צו דײַנע שטחים רויע
איך גײַ, איך קום, איך וועל בויען!...

מיט קאָפּ אין די וואָלקנס

דרײַ גרופּעס — דרײַ פעלקער — איין גלויבן,
און איך צווישן זיי — אַ ייִד אינדערמיטן.
מיר האָבן צום „ווילדן מערב" זיך פאַרנומען
און אַ וועג דורך דער ווילדערניש געשניטן.

געשניטן אַ וועג און אין דמיון געמעלט זיך:
אַ ליכטיקע הויז מיט פרוי און מיט קינדער...
אַרום — פעלדער פאַרזייַטע מיט אייגענער מי,
און שטאַלן מיט פערד, מיט שאָף און מיט רינדער...

און קיינער וועט מער אויף מיר טייטלען מיט פינגער —
איך בין דאָך פאַרגלידערט אין לאַנד אין מיין פרייער!
מיט קאָפּ אין די וואָלקנס און מיט גבורה מיט יונגער
איך שנייַד איצט אַ וועג צו אַן אָנהייב אַ נײַעם...

**
*

פון הינטער אונדז ליגט שוין אַ וועג אַן אויסגעטראָטענער,
און פאַר אונדז נאָך שפּרייט זיך אַ ווילדערניש אַ פאַרבאָטענע.
פאַרעקשנטע וואָכן נאָך וואָכן מיט אַרבעט געפּאָרט —
און ציל ווערט באַלד נאָענט, און חלום ווערט וואָר.
מיר האָבן דעם באַרג־לייב פון געגנט פאַרטריבן;
פון קוגאר און טיגער — קיין סימן פאַרבליבן;
און קלאַפּער־שלאַנג ליגט שוין צעדראָשן, צעריבן;
בלויז וואָלף האָט זיך טיפער אין אור־וואַלד פאַרקליבן.

און ווען געקלאַנג פון העק האָט זיך אין אור־וואַלד צעקלונגען,
און געזאַנג פון זעג האָט זיך דאָרט ריטמיש צעזונגען,
האָט טימבער־וואָלף טיף אינעם וואַלד זיך צעוואָיעט.
און מיר האָבן ביימער געשניטן און האָבן געבויעט...

דאָס שטעטל

הויך אין צפון, טיף אין מערב
שפּרייט זיך אַ טאָל מיט וועלדער רייך;
און אין טאָל דאָרט, צווישן וועלדער,
שלענגלט זיך אַ ברייטער טײַך.

און עס ציען דאָרט זיך פלײנען —
רחבותדיק ביז באַרג אין ווײַט;
ס'האָט זיי פּיאָנער געפונען
נאָך אין יענער אָנהייב־צײַט.

שווערע טעג געווען דעמאָלט!
מענטש מיט אָקס געווען איז גלײַך!
מען האָט געשלעפּט פון וואַלד געהילצן;
מען האָט געשניטן וועג צום טײַך;

מען האָט געאַקערט דאָרט די פעלדער;
מען האָט געבויט, געפלאַנצט, געזײַט,
זענען דורות צוגעקומען
און, ס'האָט דער ישוב זיך געשפּרייט.

און פון שטיבעלעך צעוואָרפן
ווי די קערנער אין פאַרזיי,
איז אַ שטעטל אויפגעוואַקסן —
הויז נאָך הויז אין גלייכער ריי:

מיט אַ הויפּט־גאַס, און מיט געסלעך;
מיט ווערקשטאַטן אַ צוויי פּאָר —
שניידער, שוסטער, שמיד און סטאָליער,
און אַ קליינע „דזשענעראַל סטאָר“;

אויך אַ קלויסטער צווישןביימער,
פאַר די פרומע אַנגעגרייט;
און אַ ווינט־מיל צווישן פעלדער
שטייט מיט פליגל אויסגעשפּרייט.

ליגט דאָס שטעטל ווײַט פאַרוואָרפן,
אָפּגעזונדערט פון דער וועלט;
ווייסן מענטשן בלויז פון אַרבעט,
ווייסן וואַלד, און ווייסן פעלד.

טראָגט פון וואַלד זיך קלאַנג פון העקער,
און פון פעלד — דעם שניטערס ליד;
ביים ווערקשטאַט ברומט שטיל דער שניידער,
און ביי דער קאָוואַדלע זינגט דער שמיד.

און אַ רויִקייט פון פעלדער
ליגט צעשפּרייט אויף יעדער הויז;
און אַ שטילקייט פון דערוואַרטונג
קוקט פון יעדער גאַס אַרויס.

נאַכט אין שטעטל

אין בלוילעך־גראָען אָונט־ליכט
ליגט דאָס שטעטל איינגעהילט
אין אָנקום פון דער נאַכט.

ס'האָט לעצטער קלונג פון קלויסטער־גלאָק
איבער דעכער זיך צעוויגט:
— נ אַ ־ אַ כ ט! נ אַ ־ אַ כ ט! אָט קומט נאַכט!

און פון הינטער שטיבעלעך שטומע,
וואָס הורבען זיך מיט דעכער קרומע,
גנבעט זיך די נאַכט.

און, „נאַכט איז דאָך פאַר שלאָף געמאַכט";
פאַר חלום פון אַ נייעם מאָרגן
געגעבן איז די נאַכט...

ליגט אַ שטעטעלע אין שלאָף;
שווימט אַ שטעטעלע אין חלום,
אין אַ בלויער נאַכט.

אַלטע ווינט-מיל

נאַכט אויף שטעטל, נאַכט אויף פעלדער,
און געזאַנג פון גריל;
צווישן פעלדער דרימלען וועגן,
ציט די נאַכט זיך שטיל.

ביי די וועגן שטייט אַ ווינט־מיל —
פליגל אויפגעשטעלט;
מיט הויכן פליגל קוקט די ווינט־מיל
אין דער ווייטער וועלט.

ווינט־מיל אַלטע! ווינט־מיל גרויע!
קוקסט אין ווייטער וועלט;
זאָג מיר, אַלטע; זאָג מיר, גרויע:
וואָס הערט זיך אויף דער וועלט?

ענטפערט אַלטעטשקע פאַרטראַכט:
— אויף דער וועלט איז נאַכט;
שלאָפן אַלע, שלאָפט די וועלט;
מוז מען וואַרטן ביז טאָג זיך העלט...

גריל און שטערן

און די גרילן גרילצן,
און די שטערן פינקלען.

שטייט דאָס שטעטל נאַכטיק - שטיל,
האַלט דעם אָטעם איין;
שטעלט אַן אויער צו דער וועלט,
הערט, און הערט זיך איין.

— שטעטעלע פאַרוואָרפענע,
פרומינקע דו מייַן!
זאָג, וואָס טוסטו הערן דאָרט,
ווען דו הערסט זיך איַין?

ענטפערט שטעטעלע מיר שטיל,
שעפטשעט שטעטעלע מיר פרום:

— אין די שטילע טריט פון נאַכט
כ׳הער דעם ריטם פון דער וועלט;
דורך דער פינצטער פון דער נאַכט
כ׳זע ווי טאָג זיך העלט...

און שטעטעלע ווערט שטיל,
און שטעטעלע ווערט שטום.
און די גרילן גרילצן,
און די שטערן פינקלען.

פּאָול באַניאַן *

יאָר גייען, יאָרן קומען,
און מיט יאָרן — נייע צייט;
פון דעם וואַלד־ריז „פּאָול באַניאַן"
טראָגט לעגענדע זיך פון ווייט:

„אין שטאַט מעין איז אַ ריז געבוירן,
גרויס און שטאַרק — ווי שטאָל און שטיין;
האָט זיין טאַטנ׳ס האַק גענומען
און צום וואַלד געלאָזט זיך גיין.

„מיט איין שווונג פון האַק דער גרויסער,
ליגט אַ וואַלד גלייך אויסגעהאַקט!
פול איז לאַנד מיט וועלדער טיפע,
שפּאַנט דער ריז און האַקט און האַקט.

„און ווי שמשון — אין זיינע צייטן —
שפּאַנט דער וואַלד־העקער, דער ריז,
און אין גראַניט־שטיין, ביז די קניען,
גראָבן איין זיך זיינע פיס."

שמשונ׳ס צייט — אַ קאַמף פאַר געטער;
פּאָול באַניאַנ׳ס — פאַר גאָטס וועלט:
אויף רויער ערד, אויף ווילדער ערד
אַ נייע וועלט ווערט אויפגעשטעלט!

* פּאָול באַניאַן: לעגענדאַרער העלד אין אַמעריקאַנעם פאָלקלאָר.

מיט באַניאַנ׳ס טראַט אינדוסטריע שפּאַנט
מיט ריזן־שפּאַן, מיט אימפּעט־שווונג!
פון גראַניט־שטאַט,* ביז אייביק־גרין־שטאַט**
הילכט זיין האַק מיט נייעם קלונג...

ס׳פאַלן וועלדער; ס׳וואַקסן פאַבריקן;
ס׳וואַקסט פאַרקער אויף וועג און טײַך;
ס׳עפנט מענטש אויף זײַנע אויגן
און דערזעט ווי וועלט איז רייך!...

ס׳בעט נאַטור זיך בײַ דעם מענטשן:
— מײַנע אוצרות נישט פאַרשעם!
סײַ אויף פלאַכן, סײַ אין טיפן
ליגן גרייטע — נעם, און נעם!

שפּאַן אײַן ווינטן, וואַסער־פאַלן,
גראַב אין ערד זיך ווי דער קראַט;
גראַב מיט אימפּעט פון פּאָול באַניאַן,
שפּאַן מיט גבורה פון זיין טראַט!

פּאָול באַניאַן מיט זײַן בלויען „בעיב",***
זייער נאָמען טראָגט זיך ווײַט;
ס׳קרעכצן בערג, סע ציטערט אורוואַלד,
ס׳טראָגט זיך ריטם פון אַ נײַער צײַט...

---

* גראַניט־שטאַט: „ווערמאָנט", אין צפון־מזרח, גרענעצט זיך מיט קאַנאַדע.

** „אייביק גרין־שטאַט", אָרעגאָן, אין הויכן צפון־מערב, ביים פּאַסיפישן אָקעאַן.

*** פּאָול באַניאַנ׳ס „בלויער אָקס" (אַמעריקאַנער אַרבעטער), — וועלכער טוט אויף וואונדער; „בעיב" מיינט — „קליין קינד".

ווי אַנזאַג

ס׳מערט זיך צאָל פון שאָף און רינדער;
ס׳מערט זיך אויך אַ נײַער דור.
באַניאַנ׳ס טראָט מען פילט אין שטעטל;
זיין לעגענדע ווערט דאָ וואָר.

ס׳ווערט דער וואַלד אַ היים פאַר העקערס.
און דער טייך ווערט וועג צו וועלט;
שווימט געהילץ פון וואַלד צום שטעטל,
ווערט אַ זעג־מיל אויפגעשטעלט.

שווינדן טעג אין פרייד פון אַרבעט,
און דאָס לעבן פליסט זיך שטיל;
נאָר, ווי אָנזאָג איבער שטעטל,
וויגט זיך זעג־געזאַנגג פון מיל.

ערשטער פּייף פון מיל

ערשטער פּייף פון מיל אין שטעטל
האָט די שטילע רו פאַרשלונגען;
פעלד און וואַלד און באַרג פון ווייטן,
האָט מיט עכאָ אָפּגעקלונגען.

רוישט דער דאַמף פון פריען מאָרגן,
טרייבט די זעגן פון דער מיל;
קומט פאַרנאַכט, מיל פאַרמאַכט,
שטומט גערויש און אַלץ ווערט שטיל.

און, נישט היימלעך ווערט די שטילקייט
ווען גערויש ווערט אָפּגעשטעלט;
ס׳בלייבט אין טאָל דאָס שטעטל איינזאַם,
ווי פאַרגעסן פון דער וועלט.

ווינטער אין שטעטל

די זון פון פראָסט אַ רויטע — גליט;
די לופט מיט פראָסט צעצונדן — בריט;
און צפון־ווינט, פון צײַט צו צײַט,
צעוויינט זיך ווי אַ קינד אין ווײַט.

און באַרג, און טאָל, און פעלדער ברייט,
מיט שנייען זענען טיף פאַרווײַעט;
אוןווירבל־ווינט, אין ווילד געדרײַ
בלאָזט וויכערס אויף אין טיפן שנײַ.

אין שנײַ פאַרשאָטן שטײַט די זעג־מיל;
פאַרפראָרן שטײַט דער מאָטאָר שטיל;
און ברײַטער טײַך, פון ברעג ביז ברעג,
איז אײַז־געשמידט און שנײַ באַדעקט.

פאַרקליבן האָט זיך מענטש אין שטוב;
אין שטאַל פאַרשפאַרט זײַן רינד און שאָף.
אויך ברוינער בער, אין נאָרע־גרוב,
ליגט אײַנגעגנורעט אין ווינטער־שלאָף.

און נאָר פון וואַלד געוואָי זיך טראָגט, —
דער טימבער־וואָלף זײַן רויב דאָרט יאָגט;
און, ווי שוואַרצע פרוכט פון ווײַסן וואַלד —
אַ קראָ־געפלאַטער: קראַ־אַ! קראַ־אַ! קאַ־אַ־אַלט!

ווייסע קברים

אײַנזאַם איז דאָס שטעטל ווינטער;
אַ פאַרלאָזענער בית־עולם!
ווי די בערן דרימלען מענטשן
אין די שטיבעלעך די קלײַנע.

זיצן שטיבעלעך אין רײַען,
אײַנגעהורבעט אין טיפע שנײַען;
זעען דעכער אויס ווי קברים,
און די קוימענס — שוואַרצע פייגל.

שוואַרצע פייגל, ווײַסע קברים,
גלאַנצט פון פענצטער גרויער אומעט;
וואַקסט אין געסל ווײַסער עלנט;
ווײַנט דער ווינט אין שוואַרצן קוימען.

ווײַנט דער ווינט... אין ווײַסע קברים
ליגט אַ שטעטעלע פאַרשאָטן,
שלאָפט און חלומט פון אַ פרילינג
און פון פעלדער גרין, געראָטן.

אײנגעפראָרן

זומער גרײט מען זיך אויף ווינטער,
שווינדן טעג אין מי און קלאַנג;
ווינטער וואַרט מען אויף דעם זומער,
ציִען טעג זיך גראָ און לאַנג.

טיר און פענצטער אײַנגעפראָרן,
ס׳גייט קיין מענטש פון טיר אַרויס:
מענטש האָט אין דעם שנײַ פאַרלאָרן
קורצן וועג צום שכנ׳ס הויז.

גאַס און געסלעך ווײַסע שטומען;
ווײַס פאַרשטומט שטײַט אויף די מיל;
דעם קלויסטער גלאָק מען הערט נישט ברומען —
אײַנגעפראָרן! אַלץ שטײַט שטיל!

און די שטילקייט גרילצט אין אויער;
און דער אומעט בויערט, בויערט...
ווערן וועגט מיר ענגער, גראָער;
ווערט מײַן שטוב מיר ווי אַ גרוב.

כ׳האָב ווי דער קראָט און ווי די פעלד־מויז,
גרײט אויף ווינטער שפּײַז אין הויז:
שטייען פעסער פול מיט קרויט;
ס׳ליגן גרויסע לאַבנס ברויט.

כ׳גרייט מײַן טיש מיט ברויט און ווײַן,
כ׳וואַרט מײַן שכן זאָל אַרײַן;
נאָר מײַן טיר — אין אײַז פאַרקלעמט,
נישט פאַרשלאָסן — בלײַבט פאַרשעמט.

מיינע צוגעקומענע שכנים

מײַנע צוגעקומענע שכנים זענען גוטע מענטשן!
שטענדיק זאָרגן זײַ זיך װעגן מיר...
זומער זעט מען זיך אין פעלד, און בײַ דער מיל,
װינטער — װײַכט מען פון מײַן טיר.

מײַנע שכנים זאָגן: „אילײדזשאַ, *
צו דעם „שמעקער"* דײַנעם איז נישטאָ קײַן גלײַכן;
האָסט אין לופט דערשמעקט דעם גײַסט פון „פּאָול באָניאָן", *
און זע, מיט פליטן דײַנע איז שוין פול דער טײַך"...

מײַנע שכנים זאָגן: „אילײדזשאַ,
האָסט די היגע ערד מיטן רעכטן פוס באַטראָטן;
דײַן 'לײַװסטאָק' * מערט זיך פונקט װי יעקבס שעפּסן,
און דײַנע פעלדער זענען שטענדיק דיר געראָטן"!...

מײַנע שכנים זאָגן: „אילײדזשאַ,
אָט דער 'העק' * דאָ האָט דיר אָפּגעצאָלטן;
דײַנע קינדער שיקסטו אין יוניװערסיטעטן,
און צו דײַן פאַרם בעמסטו 'הענט' * באַצאָלטע"...

מײַנע נײַע שכנים זענען גוטע מענטשן!
זײַ האָבן שטענדיק מיך אין זינען...
זומער זעט מען זיך אין פעלד, און בײַ דער מיל,
װינטער — קענען זײַ מײַן טיר נישט געפינען...

אמת, נישט אַלע זענען װי די נײַ־געקומענע,
װאָס זענען אָנגעקומען אויף אַלעם גרײטן
און זיך באַזעצט אין אַ היים אַ געפונענער.

* 'אילײדזשאַ' : אליהו; 'שמעקער' : נאָז; 'פּאָול באָניאָן' : העלד אין אַמעריקאַנער פאָלקלאָר; 'לײַװסטאָק' : לעבעדיקער אינ־װענטאַר; 'העק' : פאַרװאָרפן װינקל; 'הענט' : אַרבעטער.

מיין טרייסט

זאָל איך וויינען וואָס מײַן נאָמען איז ירושה פון תנ״ך? —
זאָל איך קלאָגן אויף מיין אור־געביין?
מיין שטאַם איז אייביק יונג, און פריש, און שײַן
ווי דער זאַפטיק־גרינער איילבירט־בוים...*

כ׳האָב ווי אַלע — וועג דורך ווילדערניש געשניטן;
כ׳האָב ווי אַלע — מײַן הויז מיט אייגענע הענט געבויט;
כ׳האָב ווי אַלע — מײַן פעלד מיט אייגענע הענט צעאַקערט!
און, פון אייגענער מי און שווײַס איך עס מײַן ברויט.

אמת, נישט ווי אַלע איך פײַער מײַנע יום־טובים;
אמת, נישט ווי אַלע איך טו תפילה צו גאָט;
אָבער, „לא תגנוב״, „לא תרצח״, און „ואהבת״.
זענען מײַנע הייליק־איינגעוואָרצלטע געבאָטן...

זאָל איך וויינען וואָס מײַן נאָמען איז ירושה פון תנ״ך?
זאָל איך קלאָגן אויף מײַן אור־געביין?
אויך אברהם אָבינו האָט געשניטן וועג דורך ווילדערניש;
אויך ער האָט געלעבט צווישן פעלקער — אַליין...

* „זית רענן, יפה פרי־תאר, קרא ה׳ שמך״. (ירמיה, י״א, 16)

אָט אַזאַ איז שוין מיין גורל

ס׳האָט פראָסט און שנײַ דורך ווינט־געוויין
מיר געגעבן צו פאַרשטיין:
מענטש מיט מענטש — פרעמדע וועלטן!
בלייבסט איינער; בלייבסט אַליין...

וועל איך אָנטאָן פעלץ און שטיוול
און וועל צום באַרג זיך לאָזן גיין;
כ׳וועל אין שניי, נאָך נישט באַרירטן,
אויסטרעטן אַ וועג אַליין...

— אָט אַזאַ איז שוין מײַן גורל —
אויסצוטרעטן נײַעם וועג,
נאָכדעם אין מײַן שטילן ווינקל
אויסצושווייגן מײַנע טעג.

פּוס־טריט

ווי אַ גראָ־געשלענגלט שלאַנג
שלענגלט זיך דער וועג אין שניי;
טאָג נאָך טאָג, און שעהען לאַנג
צייל איך מײַנע פּוס־טריט צוויי.

צייל איך פּוס־טריט ביז צום באַרג,
און צייל צוריק זיי ביז מײַן טיר;
כ׳בין אויף ווערטער אויך נישט קאַרג —
כ׳רייד אויף אַ קול אַלײַן מיט מיר;

„קײַן זאַך, קײַן זאַך בלייבט אויף אייביק!
אָבער — אָטעם, פּוס־טריט — יאָ.
דאָס וועט בלייבן, בין איך גלייביק,
פון מײַן דור, און פון מײַן שעה.

„כ׳גיי אין מײַנע פּוס־טריט פון נעכטן;
מיר איז אַנדער וועג נישטאָ;
ווען מײַן מאָרגן ט׳ווערן נעכטן,
וועט מײַן טראָט נאָך אַלץ זײַן דאָ...

פשוטע רייד פון דעם מענטש אין מענטש

מײַנע אַלטע גוטע פריינט
קומען צו מיר און זאָגן:
אילײדזשאַ, אַ ווערטל זאָגט:
„טעג אַנטלויפן פון דעם מאָרגן,
און יאָרן נאָך יאָרן טאָגן"...
שוין לאַנג בײַ דיר נישט געווען
און לאַנג דיך נישט געזען,
אָבער, מיר האָבן געהערט וועגן דיר
און גערעדט וועגן דיר.
זענען מיר איצט געקומען
מיט אַ מיסיע צו דיר:
מיר האָבן געהערט אַז
נישט איינמאָל האָט מען דיך געזען
שטייענדיק אונטער אַ בוים,
אין דיין פעלד,
איינגעוויקלט אין דײַן „פרעיער־שאַל" (טלית)
און, פון דאָרט,
שיקסטו דײַנע תפילות צו גאָט!
האָבן מיר זיך פאַרשעמט
און געזאָגט איינער צום אַנדערן:
זע, אילײדזשאַ איז דער איינציקער ייִד
צווישן אונדז — דריי קריסטלעכע דינאַמינאַציעס.
ער איז מיט אונדז מיטגעגאַנגען,
געהאָלפן שנײַדן אַ וועג דורך דער ווילדערניש;
ער, מיט זײַן קענטעניש.

האָט אונדז געהאָלפן אויסלייגן דעם פּלאַן
פאַרן שטעטל און
אונדז געהאָלפן אויפבויען דאָס שטעטל;
ער, מיט זײַנע קענטעניש,
האָט אונדז געהאָלפן אויפשטעלן
אַזעלכע גרויסע, שײַנע, דרײַ פאַראייניקטע קלויסטערס
געבונדן צוזאַמען,
ווו מיר —
אַלע דרײַ קריסטלעכע דינאָמינאַציעס
קענען אָפּריכטן אונדזערע תּפילות —
יעדע לויט אירע באַגריפן,
יעדע לויט איר טראַדיציע...
און ער, דער ייִד,
האָט נישט קיין געבעט־הויז
פונוואַנען צו שיקן זײַנע תּפילות
צו גאָט —
לויט זײַן טראַדיציע און,
אויף זײַן שפּראַך...
אָט אַזוי האָבן מיר גערעדט, אילײדזשאַ,
בײַ דער חודשלעכער פאַרזאַמלונג
פון אונדזער פאַראייניקטן טשוירטש
און, מיר האָבן באַשלאָסן אָט וואָס, אילײדזשאַ:
דו ביסט דאָך דערוויַיל
דער איינציקער ייִד צווישן אונדז;
און דער פאַראייניקטער קלויסטער,
וועלכן דו האָסט —
מיט דײַנע קענטעניש, מיט מי,

און מיט צײַט
אונדז געהאָלפן אויפשטעלן —
פאַרמאָגט גרויסע חדרים
אין זײַנע ברייטע קאָרידאָרן,
זאָגן מיר דיר:
קלייב אויס איינעם פון די חדרים,
און מיר וועלן דיר העלפן
דאָרט אײַנשטעלן אַ סינאַגאָגע,
פון וואַנען דו,
וועסט אויף דײַן אופן
און אויף דײַן שפּראַך
קענען שיקן דײַנע תפילות
צו גאָט...
גאָט איז דאָך איינער —
פאַר אונדז, פאַר דיר,
און,
פאַר אַלע פעלקער פון זײַן באַשאַף!
מיר ריידן בלויז אַנדערע שפּראַכן;
אָבער,
גאָט פאַרשטייט דאָך אַלעמענס שפּראַכן, —
די שפּראַכן פון מענטש
און,
די שפּראַכן פון אַלע זײַנע באַשעפּעניש —
אַפילו די שפּראַך פון דער מינדסטער מילב!...
איז וואָס זאָגסטו, אילײדזשא?
וואָס איז דײַן ענטפער?
מיר וואַרטן...

אילײדזשאַ ענטפערט

מײַנע טײַערע פרײַנט,
וואָס קען איך אײַך זאָגן איצט?
מײַן האַרץ איז פול מיט עמאָציע,
און מײַן קאָפּ איז פול מיט געדאַנקען.
איך האָב איצט געהערט רײד
פון דעם מענטש,
וואָס גאָט האָט אַרײַנגעזעצט
אין דעם מענטש...
גאָט איז אײנער!
איר זאָגט עס,
און איך זאָג עס.
גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש
אין זײַן געשטאַלט.
אָבער,
גאָט האָט נישט באַשאַפן באַזונדערע פעלקער...*
יעדעס פאָלק דינט גאָט
אויף זײַן אופן,
אין זײַן שפּראַך,
און,
האָט זיך געשאַפן באַזונדערע סימבאָלן
וועלכע פאַרקערפערן דעם תמצית
פון זײַן רעליגיע.

* ווי אַזוי די מענטשלעכע משפחה איז פאַרצווייגט געוואָרן און האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצן ערד־קוגל, וועגן דעם איז דאָ אַ ברייט־פאַרצווייגטע וויסנשאַפט, וואָס האָט זיך נאָך נישט דערגרונטעוועט צום אָנהייב פון דעם.

דער סימבאָל פון קריסטנטום —
איז דער קרייץ (צלם)؛
דער סימבאָל פון יידנטום —
זענען די לוחות,
אויף וועלכע ס׳איז אויסגעקריצט
די צען געבאָט —
דער פונדאַמענט פון מענטשלעכן אויפפיר.
פאַר יידן איז דער צלם,
נישט נאָר איינגעטונקט אין די בלוטן
פון דעם ייד — ישו (יעזוס),
נאָר,
פאַר יידן איז דער צלם —
דער סימבאָל פון האַס,
פייניקונג,
און טויט.
פאַר אייַך,
דאַרף איך דאָך נישט אויסרעכענען
די פעלקער און די לענדער —
פון דער אינקוויזיציע,
פון די קרייץ־טרעגער,
פון די פאָגראָמען, —
וווּ דער צלם
איז טויזנטער־מאָל געטונקט געוואָרן
אין וואַרעמען יידישן בלוט —
איר ווייסט עס...
עס איז זייער שווער פון אייַך,
מיר פאַרשלאָגן אַ חדר

אין אייער קלויסטער,
פונוואַנען איך זאָל קענען שיקן
מײַנע תפילות צו גאָט —
אויף מײַן אופן
און אין דער הייליקער שפּראַך,
אין וועלכער אויך יעזוס האָט גערעדט
און האָט תפילה געטאָן...

איז פרעג איך אייך:
ווי קען איך עס טאָן אין אַ הויז,
וועלכע זיצט אונטער דעם סימבאָל,
פון וועלכן יידיש בלוט
רינט... נאָך
ביז היינט צו טאָג?....

לויט מײַן באַגריף,
דאַרף דער סימבאָל פון זײַן רעליגיע
נישט אַראָפּהענגען בײַ דעם מענטשן
ווי אַ גלעקל פון האַלדז;
און נישט אַרויפגעשטעלט ווערן
אויף דעם הויז,
ווו דער מענטש קומט תפילה טאָן
צו גאָט;
לויט מײַן באַגריף,
דאַרף דעם סימבאָל פון זיין רעליגיע
דער מענטש שטענדיק מיט זיך טראָגן —
אין זײַן קאָפּ

און
אין זײַן האַרץ...

מײַנע פרײַנט,
איך שאַץ הויך אײַער זאָרג פאַר מיר,
און,
אײַער גרײַטקייט צו מאַכן מיך פילן —
און איך פיל עס —
אַז איך לעב צווישן מענטשן
אין אַ היים,
וואָס מיר אַלע צוזאַמען,
מיט אונדזערע אייגענע הענט און מי
האָבן אויפגעבויט.
און,
איך באַנוגן זיך
מיט אָט דעם ליכטיקן געדאַנק
און וואַרעמען געפיל...

***

אילײַדזשאַ,
יעדעס מאָל, ווען מיר קומען צו דיר,
גייען מיר אַוועק מיט נײַע געדאַנקען
און מיט נײַע אידייען.
די אידייע פון טראָגן די סימבאָלן פון רעליגיע
אין קאָפּ און אין האַרץ,
און נישט ווי אַ גלעקל אויפן האַלדז,
איז אַ ביז גאָר שײַנע אידייע.
אָבער,

ס׳וועט נעמען יאָרן און יאָרן,
דורות און דורות,
ביז אַזאַ אידייע וועט אָנהייבן אַרייַנדרינגען
אין די קעפּ פון אַלע גלויביקע...

ווען אַזאַ אידייע וואָלט אָנגענומען געוואָרן
פון אַלע גלויביקע,
וואָלט מען געקענט איינהויזן אַלע רעליגיעס
אין איין געבעט־הויז,
ווו יעדער איינער וואָלט געקענט —
אויף זייַן אופן,
און אין זייַן שפּראַך,
שיקן זייַנע תפילות צו גאָט,
דעם איין־און־איינציקן באַשעפער פון דער וועלט.
און דאָס וואָלט געווען אַ הויז —
ריין פון קנאה, ריין פון שׂנאה,
נאָר, אַ הויז פאַר אַ משפחה פון פעלקער —
ווי די יו. עס. איי. איז.
אַמעריקאַ איז נישט נאָר אַ היים
פאַר „די בראַווע און די פרייַע״;
אַמעריקאַ איז אַ היים פאַר די געליטענע;
פאַר די געיאָגטע, פאַרפאָלגטע און געפייניקטע.
און פונקט אַזוי קען ווערן דאָס נייַע געבעט־הויז —
אַ היים פאַר אַלע פעלקער...
ווייל גאָט איז איינער!
איינער אין דער גאַרער וועלט!

ב.

פון
עליע
פאַרמערס
מעשׂיות

מיין הונט קוגאַר

כ׳האָב שוין אייך דערציילט אַמאָל
פון מײַן פאַרם אין רויטוואַלד־טאָל,
ווו אויף ברוינער פעטער ערד
גראָזן זיך טאַבונעס פערד,
און קי׳ און אָקסן גרויס אין צאָל,
און סטאַדעס שעפסן שווער מיט וואָל.

כ׳האָב דערציילט פון ברייטן טײַך
מיט זײַן שווינבלדיקן קעניגרײַך:
פון די פישן אַלערליי,
פון געוווינהייטן בײַ זיי, —
ווי זיי לערנען זיך צו קליגן
קעגן רויבער, קעגן קריגער.

כ׳האָב דערציילט אײַך פון דער מוסק־מויז,
פון די שפּייכלערס אין איר הויז;
ווי זי גרונטעוועט נאָך שפּייז
און ווי זי וועט נישט פאַרגעסן
צו וואַשן די שפּייז פאַרן עסן, —
זי איז די ריינסטע פון די מײַז!

כ׳האָב דערציילט פון ווייַסן שוואַן;
פון אָפּטן גאַסט — דעם פּעליקאַן;
און פון ביבער־אינדזל דאָרט —
ווי אין מיטן טייַך אַ פאָרט
מיט דאַמבעס, טונעלן און בריקן —
געבויט ווי פון מייסטערס געשיקטע.

כ׳האָב דערציילט פון פאַרמערס פרייַנד!
כ׳האָב דערציילט פון פאַרמערס פייַנט;
פון דער פעלד־מויז — גרוילעך־גרין;
פון דער גיפטיק שוואַרצער שפּין;
פון די שלאַנגען אין די גראָזן,
און פון פוקסן, און פון האָזן.

כ׳האָב דערציילט פון וואַלד אין טאָל
און פון די וועלף דאָרט גרויס אין צאָל.
וועל איך אייך דערציילן הייַנט
פון מייַן בעסטן גוטן פרייַנד,
וואָס ווייסט נישט פון קיין טויט־געפאַר —
פון מייַן שוואַרצן הונט קוגאַר.

זיצט זשע רויִק, הערט מיך אויס:
ס׳איז אַ מעשׂה פאַר קליין און גרויס:

קוגאַר און דער וואָלף

איינמאָל, ווינטער, נאָר־וואָס אָוונט
(ס׳שטייט דער וואַלד דאָך אַזוי נאָענט),
איז פון וואַלד אַ בייזער וואָלף
נאָכגעגאַנגען די שפּור פון שאָף,
איז געקומען צו די שטאַלן
און געזוכט דאָרט וואָס צו באַפאַלן.

זענען שטאַלן דאָך פאַרשפּאַרט,
האָט דער וואָלף דעם שניי צעשאַרט,
האָט מיט נעגל דעם אייז צעשאָבן,
האָט מיט לאַפּעס די ערד צעגראָבן,

האָט אונטער טויער זיך געשאַרט
און האָט אין שטאַל זיך אַריינגעשפּאַרט.

וואָלט אים קיינער נישט דערהערט,
וואָלט אים קיינער נישט געשטערט.

אָבער,
הינט אין הויף נעמען האַווקען;
און די קעצלעך נעמען מיאַווקען;
און די האָזן נעמען קוויטשען;
און די קעלבער נעמען ריטשען;
און די ציגן נעמען מעקען
און די לעמער נעמען בלעקען.

הייבן בהמות אָן צו מוקען;
און די אייזלען הי־הי־הוקען;
און די אָקסן נעמען סאָפּען;
און די פערד — זיי הירזשען, כראָפּען.

הייבן הענער אָן צו קרייען;
און די היגער קאָ־קאָ־קאָקען;
און די גאָנערס היססען, פליען;
און די גענדזלעך גאָ־גאָ־גאָקען.

און דער אינדיק שרייט און פּילדערט:
— האָלדער־הילדער! האָלדער־הילדער!

און די ענטלעך — שטאַרק צעשראָקן —
קוואַק־וואַקען, קוואַק־וואַקען, קוואַק! קוואַק!

**
*

אין מײַן הויז איז אָונט־שטיל:
ס׳ליגט קוגאַר זיך אויפן דיל;
און דער אויוון וואַרעמט, גליט;
און אַ טשייניק קאָכט און זידט —
זויל מיט אומעטיקן ניגון
ס׳גאַנצע הויז אין שלאָף פאַרוויגן.

מיטאַמאָל ווערט אַ ליאַרעם
און טרייסלט אויף די גאַנצע פאַרם!

ווי טרומייטערס וואָלטן שאַלן,
טראָגן קולות פון די שטאַלן!

ס'נעמט מיר טרייסלען צאָן־אָן־צאָן,
כ'ווייס נישט וואָס מען הייבט אָן טאָן!

ווי מײַן וואָלפן־הונט, קוגאַר,
האָט דערשמעקט נאָר די געפאַר
און דערהערט געהייל פון שטאַל,—
האָט ער טיר געטאָן אַ פּראַל,
איבער הויף געטאָן אַ יאָג
און צו שטאַלן זיך אַ טראָג.

האָט אונטער טויער זיך געשאַרט,
האָט אין שטאַל זיך אַרײַנגעשפּאַרט,
האָט קעגן וואָלף זיך אויפגעשטעלט
מיט אַן אויפגעהורבעט רוקנביין,
האָט שאַרפע ציינער אויסגעשטעלט
און האָט געקלאַפּט מיט די שטאַרקע ציין.

פּלוצלינג האָט ער זיך געטאָן אַ וואָרף
אויפן שינדער — אויפן וואָלף,
מיט אַ שיפּען, מיט אַ סאָפּען!
מיט אַ כריפּען, מיט אַ כראָפּען!
לאַפּעס קלאַפּן — קליפּ! און קלאַפּ!
ציינער שנאַפּן — כר־ר־ריפּ! און כר־ר־ראַפּ!

און דערנאָכדעם — וואָלף־געוווי.
און דערנאָכדעם — שטיל אַזוי...

און דערנאָכדעם— הונט־געבריל.
און דערנאָכדעם — ווידער שטיל...

ביז איך בין צום שטאַל געקומען,
איינגעשטילט האָט זיך דאָס ברומען.

ציטערט אויף אין האַרץ אַן אָדער:
— צי לעבט נאָך מײַן קוגאַר?
צי איז נאָך גרויס די וואָלף־געפאַר?

כ׳קלאַמער ביקס צום שיסן גרייט.
מײַן פאַסטוך, מיט עלעקטרישן פאַנאַר,
לויפט און עפנט טויער ברייט
און — סטוט אַ שלאָג אין האַרץ אַ פרייד!
כ׳זע: דער גרויער ליגט אַזוי
אויסגעצויגן, שטיל, אויף שטרוי...
און מײַן קוגאַר — ווי אַ זיגער —
שטייט מיט לאַפּעס אויף דעם קריגער.

דערזען מיך אין טויער שטיין,
שטעלט ער אויס זיינע שטאַרקע ציין,
טוט אַ ברום מיט שטאָלצן קאָפּ
און גייט פון טויטן וואָלף אַראָפּ.

אָט אַזאַ מין ווּיסטן סוף
האָט די מעשה מיטן וואָלף.

***

און געשען איז דאָס אין יאָר
ווען מײַן רויטע האָט געהאַט אַ פּאָר:
איינס אַ רויטס, ווי זי אַלײַן,
און דאָס צווייטע — שוואַרץ און קלײַן.

האָט די רויטע זיך צעוואָקסן —
גרעסער, שטאַרקער נאָך פון אָקסן!
אָפּגעציילט דריי קאַלבן־יאָרן
און איז באַלד אַ קו געוואָרן.

מעגט איר אָנקוקן אַ קו —
אויסצופּאָרן װעלטן! נו,
און די שוואַרצע? — אויך אַ קו,
און אַ „בהמהלע״ דערצו.

אויב איר ווילט נאָך הערן איצט,
זיצט מיט אויערן פּאַרשפּיצט,
כ׳וועל דערציילן, הערט זיך צו,
פון מײַן „לויפּערקע״ דער קו.

מיין רויטע קו

שטאָלץ איז זי, די רויטע מײַן —
ווי די וועלט וואָלט אירע זײַן!
קלוג איז זי, די רויטע מײַן,
שיין און קלוג — ווי אַ קו קען זײַן.

אויגן האָט זי — פלאַם און בליץ!
הערנער האָט זי — שאַרף, פאַרשפּיצט.
און אויף שטערן איז אויסגעקריצט
אַז אין איר דער מזיק זיצט.

„לויפּערקע" איך רוף דעם מזיק.
שטענדיק איז זי מיר אין היזק!
ווייל אין שטאַל מיט קי בישט שטיין,
וויל נאָר לויפן, זײַן אַלײַן.

איינמאָל, ערשט אין שטאַל פאַרשפּאַרט,
פרישע היי איר צוגעשאַרט,
און איך בין אַוועק אין פעלד —
סנאָפּעס דאָרטן אויפגעשטעלט.

כ'בינד דעם קאָרן און מיר דאַכט
אַז שטאַל האָט זיך אויפגעמאַכט.
כ'אייל צוריק, — די שטאַל איז אָפן,
און מײַן רויטע איז אַנטלאָפן.

זוך איך, רוף איך, און זי פעלט.
כ׳קום צום קוקורוזע־פעלד —
כ׳זע אין טאָל, אין הויכן קאָרן,
וויגט זיך רויטער קאָפּ און האָרן.

און ווען דערזען אַז איך קום נאָך איר,
לאָזט זי זיך אַנטקעגן מיר
מיט אַ „מו־ו־ו!״ ווי אײנער זאָגט:
„וואָס האָסטו זיך נאָך מיר געיאָגט?

זאָג איך: אַ בהמה — מעג זי זײַן
אי רויט, אי קלוג, אי שײַן,
אָבער, צוריק צום היי אין שטאָל
מוז זי מיט איר קלוגשאַפט גײַן.

כ׳האָב אויף האַלדז פאַרוואָרפן איר אַ שטריק
און אָפּגעפירט זי אין שטאָל צוריק.

***

זינט כ׳האָב דערקענט די רויטע קו
האָב איך נישט געהאַט קיין ברעקל רו.

אײנמאָל, ווינטער, זון און קעלט;
טיף דער שניי ליגט אויפן פעלד;
שטיל דער טאָל — פון האָן קײַן קריי!
אונטער טריט בלויז קרעכצט דער שניי.

אָנגעטאָן אין פעלצל וואַרעם,
איבער פעלדער פון מײַן פאַרעם
כ׳גײַ מיט קוגאַר אויף דער וואַכט,
איידער ס׳קומט די ווינטער - נאַכט.

היטן מוז מען טאָמער וואָלף,
טאָמער בלאָנדזשעט ווו אַ שאָף —
ס׳ליגט מײַן פאַרעם דאָך צעשפּרייט!
טראָג איך ביקס געלאָדן, גרייט,
מאַלע ווי אַ זאַך זיך מאַכט
אין אַ פעלד, און צו דער נאַכט.

גײַ איך רויִק, פּײַף זיך צו —
ס׳וויגט זיך טאָל מיט ווינטער־רו:
פון ווײַטן קוימען קנוילט אַ רויך
און בלײַבט פאַרחלומט אין דער הויך;
און אין בלויען הימל - הויך
אַ ווײַסער וואָלקן חלומט אויך.

פלוצלונג שאַלט פון וואַלד אַ „מו־ו־ו!"
און טרייסלט אויף אין טאָל די רו.

פינצטער ווערט מיר ווײַסער טאָג!
ס׳טוט דאָס בלוט אין האַרץ אַ שלאָג:
— ס׳איז מײַן קו! מײַן רויטע קו!
נו, וואָס טוט מען איצט דערצו?

כ׳בין אין שרעק געבליבן שטיין:
— לויפערקע! מיט וועלף אַליין!

וואָלף איז ווילד, און וואַלד איז גרויס —
אַך, וואָס לויפּערקע קען טאָן!
שניי איז טיף, און וואָלף איז בייַז,
און הונגער שאַרפט זייַן שטאַרקער צאָן.

שוין, פאַרפאַלן לויפּערקע!
שוין, דער סוף פון רויטינקער!

ווי איך שטיי און טראַכט אַט דאָ,
כ'זע מייַן קוגאַר איז נישטאָ.
און סע נעמט פון וואַלד זיך טראָגן
וועלפיש וויען, וועלפיש קלאָגן.

און אַ ברילן הערט זיך באַלד,
און אַ ברומען טראָגט פון וואַלד.
און געשריי באַלד נעמט זיך הייבן —
ווי דאָרטן וואָלטן קעמפן לייבן!

און איך זע אין לופטן באַלד,
קראָען קרייזן איבער וואַלד
מיט אַ פלאַטער און געדריי,
מיט אַ קראַקען און געשריי.

טראַכט איך — נו, שוין אַלץ פאַרלאָרן!
אויך מייַן קוגאַרן אָנגעוואָרן!
קעגן טשאַטע וועלף — און אַלייַן —
וועט מייַן בראַווער נישט בייַשטיין.

פלוצלונג שטילט זיך איַין דער וואַלד;
שוואַכער ווערט דאָס וויען באַלד;
שוואַכער, וויַיטער, און צעצויגן —
ווערט מיט קראָען ווי פאַרפלויגן.

וואַלד איז ווידער שטיל געוואָרן,
און איך שטיי נאָך ווי פאַרלאָרן:
אָן מיַין רויטער, און אָן מיַין פריינד —
ווי וועל איך אַהיימגייַין היינט?

מיטאַמאָל, — אין וויַיט — אַ בילן
און אַ טופּען כ׳דערהער אַ שטילן.
האָב איך אויגן אָנגעשטעלט
צו דעם וואַלד און צו דעם פעלד.

כ׳זע, ביַים וואַלד, אַ רויטס זיך העלט.
נאָכדעם, איבער שנייאיק פעלד,
כ׳זע מיַין רויטינקע זיך טראָגט
און נאָך איר מיַין קוגאַר יאָגט.

קוק איך, און מיַין פרייד איז גרויס:
ביידע פון געפאַר אַרויס!

ביידע קומען שטאָלצע צו —
קוגאַר, און מיַין רויטע קו;
ביידע זענען שטאַרק צעהיצט
און מיט וואָלפן־בלוט באַשפריצט.

און איך, צעוואַרעמט פון גרויס פרייד,
ווי צו מענטשן כ׳רייד און רייד:
— זאָג מיר, קוגאַר, זאָג מיר, רויטע,
וויפל וועלפלעך ליגן טויטע?
וואַרפט מיר קוגאַר „האַוו־האַוו!" צו,
און די רויטע גיט אַ „מו־רו־רו!"

גלעט איך קוגאַרס שטאָלצן קאָפּ,
וויש דער רויטערס האָרן אָפּ,
און אין וועג זיך גלייַך פאַרנומען —
און אַלע דרייַ אַהיים געקומען.

*
**

האָב איך שטאַלן אויפגעמאַכט,
האָב די קו אַרייַנגעבראַכט,
און די רויטע צוגעבונדן
צו אַ גרויסן סלופּ אַ רונדן:
— דאָ, מייַן רויטע, וועסטו שטיין
ביז איך וועל דיך לאָזן גייַן!

און דערווייַל, אין שטומע צינגער
רעדט און מאָנט דער דורשט און הונגער.
(שטומע צינגער בעטן שטום —
ווער מיט מעקען, ווער מיט ברום).
גיב איך קערנער, האָבער, היי,
און צו טרינקען גיב איך זיי.

***

ביז איך האָב די שטאָל פאַרמאַכט,
אָנגערוקט האָט זיך די נאַכט
און דעם שניי מיט בלוי באַהויכט.

אין ווײַט, מײַן הויז איז שוין באַלויכטן;
פון די פענצטער, פראָסט - באַהויכטע,
שטראָמען פאַסן ליכט אויף דעם אַרום
און צינדן שטערנדלעך אין שניי.

איך גײַ. קוגאַר, אַ מידער, גייט־נאָך שטום.
דער פראָסט איז גרויס,
ריטשעט אונטער טראָט
און קנאַקט אַ פראָסטיק לידל אויס.

און אין מזרח, הינטער באַרג דאָרט,
קוקט לבנה גרויס און רויט אַרויס.

כ׳הער אין גאַנג דער „גאָנג״* שוין קלינגט:
„אָונט - ברויט איז גרייט! גרייט! גרייט!״

ווערט מײַן קוגאַר פריילעך, שפּרינגט
און בילט: „האַוו - האַוו״! כ׳בין גרייט! גרייט!

זאָג איך: קוגאַר, הונט פון הינט!
האָסט דײַן עסן הײַנט פאַרדינט!

---

* „ג אָ נ ג״: אַ שטיק שטאָל הענגט אויף אַ שטריק. ווען מ׳קלאַפּט אין דעם גיט ער אַרויס אַ הילכיקן קלאַנג, וואָס הערט זיך ווייט. דער „גאָנג״ ווערט גענוצט צו רופן די „פאַרם־הענט״ עסן.

**
*

זעגען מיר אַרײַן אין הויז —
שטוב איז וואַרעם, אויזון ברענט,
און ווײַב און קינד און פאַרם־העגט
קוקן שוין אויף מיר אַרויס.

הענג איך אויף ביקס אויף דער וואַנט,
טו מיין שעפּסן־פּעלצל אויס,
און מיט וואַסער פון קאַלטן קראַן
כ׳וואַש דעם פראָסט פון מיר אַרויס.

זעצן אַלע זיך צום טיש,
און עסנדיק די שפּייזן פרישע,
איך דערצייל אי „וואָס״, אי „ווען״,
ווי דערהערט, און וואָס געשען,

און ווי פּלוצלונג — קוגאַר פּעלט!
(אָט דער שוואַרצער, אָט דער שוטה!)
ער האָט זײַן לעבן אײַנגעשטעלט
צו ראַטעווען די רויטע...

און
ס׳איז נישט קיין גרינגער ביסן!
ער האָט די רויטע, איר מעגט עס וויסן,
פון וואָלף׳ס מויל אַרויסגעריסן!
מיינט איר דאָך, ער האָט די רויטע ליב
ביז אײַנשטעלן פאַר איר זײַן לעבן?

ניין, ס׳הייבט זיך גאָר נישט אָן!
נישט פאַר איר
האָט ער זײַן לעבן געשטעלט אין קאָן,
נאָר פאַר מיר.
ער ווייסט דער הונט, אַז די רויטע
איז מיר טייער.
און פאַר מיר וועט ער תמיד
גייַן אין פייַער!

אָט אַזאַ איז ער, מײַן קוגאַר —
ער ווייסט נישט פון קיין טויט-געפאַר!
איז עס דען אַ ווונדער,
וואָס איך האָב אים ליב דערפאַר?...

***

הערט מען, און יעדערער באַזונדער
קוקט אויף קוגאַר מיט ליבע
און מיט ווונדער.
און די קינדער זאָגן: „מאַמע,
כ׳בין שוין זאַט. כ׳וויל נישט עסן.
זאָל מײַן פאַרציע קוגאַר עסן”...

— — — — — — —

שפּעטער, זאַט און פֿול מיט רו,
איך רוק מײַן שטול צום אויוון צו,
זיץ און רויכער מײַן ציגאַר.
נעבן מיר, שטיל, ליגט קוגאַר.
און אויף קוגאַר, אין גרויען קנויל,
ביידע קעצלעך ליגן פֿויל.

שטוב איז וואַרעם, אויוון גליט,
און דער אָונט רויִק ציט.
און די שטילקייט קריכט אין אויער,
עגבערט דאָרט און בויערט, בויערט.
און דער זייגער טיקט פֿאַרטראַכט,
וויגט זײַן צינגל: נאַכט! נאַכט!

און אין קאַבינע פֿון די „פֿאַרם־הענט"
כראָפּען מיט דער דיל און ווענט...
און די קינדער — לאַנג שוין שלאָפֿן.
זאָגט מײַן ווײַב: „ס'איז שוין שפּעט,
האָסט גענוג זיך אָנגעלאָפֿן,
צײַט אויך דיר צו גיין אין בעט".

זאָג איך:
— יע, מײַן ווײַב, האָסט צוגעטראָפֿן!

האָב איך טירן צוגעשלאָסן,
האָב די לאָמפּן אויסגעלאָשן
און געלייגט זיך שלאָפֿן.
— — — — — — — — —

כ׳הער דורך שלאָף — מו־רו־ו! און מו־רו־ו!
(מײַן שלאָף איז נישט קיין שווערער,
דעם מינדסטן שאָרך דערהער איך.)
כאַפּ איך אויף זיך, הער זיך צו —
יע, אָן אויפהער און אָן רו
טראָגט דאָס מרוקען פון מײַן קו,
פונקט ווי זי וואָלט שרײַען — ה ע ל ף!
טראַכט איך: וועלף! שוין ווידער וועלף!

ווינטער הונגערט וואָלף אין וואַלד,
און די נאַכט איז לאַנג און קאַלט,
קומט דער שינדער צו די שטאַלן —
דאָרט אַ שעפּס צי קו באַפאַלן.

טו איך איילנדיק זיך אָן,
כאַפּ מײַן יעגער־ביקס פון וואַנט
און מיט פיבערדיקער האַנט
כ׳שטופּ די קוילן, לאָד אים אָן.

כאַפּ עלעקטרישן פאַנאַר,
טו אַ פייף, אַ רוף: — „קוגאַר!"
שפּרינגט מײַן שוואַרצער גלײַך צו מיר
און מיט געבריל ער רײַסט די טיר.

לויפן מיר אין הויף אַרויס —
שניי איז טיף, און פראָסט איז גרויס,
און לבנה ליכטיק שטראַלט.
כ׳זע — מײַן שטאַל איז אויפגעפראַלט.

און פון קוקורוזע־פעלד,
ווו אין סטויגן אָנגעשטעלט
ליגן סנאָפּעס שביי־באַדעקט,
טראָגט דאָס מרוקען — „מו־ריו! און מו־ריו!"

כ׳קלעטער פלויט און קוק זיך צו
יע, ס׳איז זי, מײַן רויטע קו.
שטייט לעם קוקורוזע־סנאָפּ
מיט אַן איינגעבויגן קאָפּ,
ווי זי וואָלט מיט שאַרפן האָרן
קעגן פּיינט דאָרט געקעמפּט מיט צאָרן.

זאָג איך: — קוגאַר, ווי מיר שײַנט,
הינטער סנאָפּ, דאָרט, שטייט דער פּיינט.
שאַרף, מײַן שוואַרצער, דײַנע ציין!
לאָז אין אים קײַן גאַנצן ביין!
טו מיט גבורה זיך אַ וואָרף,
און מאַך פון שינדער דאָרט אַ סוף!

לאָזט זיך קוגאַר מיט געוווי.
איך, אויף פלויט, מיט ביקס אַזוי,
ציל צום קוקורוזע־סנאָפּ
און וואַרט ביז וואָלף שטעקט אַרויס זײַן קאָפּ.

כ׳קוק מיט שרעק, האַלט אָטעם איין —
קוגאַר שפּרינגט אין סנאָפּ אַריין
און...

וואָס איז דאָרט? כ׳הער קיין בילן!
פירט ער דאָרט אַ קאַמף אַ שטילן?
האָט מײַן קוגאַר זיך פאַרלאָרן?
וואָס איז מיט מײַן הונט געוואָרן?

אָט, און קוגאַר שפּרינגט פון סנאָפּ
און לאָזט אין פעלד זיך אין גאַלאָפּ!
טוט אַ שפּרונג, אַ טאַנץ, אַ דריי,
טוט אַ קייקל זיך אין שניי,
און אָט איז ער בײַם סנאָפּ צוריק!
אָט, פאַרסאָפּעט, און צעהיצט,
און מיט אויערן פאַרשפּיצט
ער יאָגט מיט האַסט צו מיר צוריק.

שריי איך: קוגאַר! פּראָוועסט שטיק?
גיי צוריק, דו הונט! צוריק!
האָסט אַ וועלפּיכע דערשמעקט?
וועלפיש בלוט אין דיר דערוועקט?

כ׳קריך פון פלויט מיט שרעק אין האַרץ:
בילדער מאָלן מיר זיך שוואַרץ
ווי קוגאַר ווערט ווי וואָלף אין וואַלד
און וועט אַ שפּרונג טאָן אויף מיר באַלד
און איינזינקען זיין צאָן אין מיר.

און טאַקע, קוגאַר שפּרינגט אויף מיר
און... לעקט מײַן פּנים, בילט מיט פרייד,
שלעפּט בײַם אַרבל — רעדט אָן רייד —

ווי איינער זאָגט: „קום, קום, קום!"
און ער קוקט מיר אין די אויגן שטום.

טראַכט איך: עפּעס איז געשען!
מען דאַרף צוגיין, מען דאַרף זען.
זאָג איך: גוט, מײַן קוגאַר, גיי!
און איך פאָלג נאָך אין טיפן שניי
מיט ביקס אין האַנט צום שיסן גרייט,
אויב עס קומט געפאַר און נויט.

טאַנצט מײַן הונט מיט פרייד פאָרויס,
האַלט די אויערן פאַרשפּיצט,
לויפט און שפּרינגט, און ציט זיך אויס
ווי אַ קעצל שטיפט ער איצט!

און פון ווײַט, מײַן רויטע קו
רופט און רופט: — „מו־ו־ו, מו־ו־ו, מו־ו־ו!"

כ'איל צום סנאָפּ און בלייב באַלד שטיין:
כ'זע אַ קעלבל רויט און קליין
ליגט און ציטערט אונטער סנאָפּ,
און די קו — זי טרעט נישט אָפּ!
הערט נישט אויף איר קינד צו לעקן —
וויל עס מיט וואַרעמקייט באַדעקן.

האָב איך לאַנג דאָ נישט געטראַכט
און די קאַלב אין שטוב געבראַכט.

אויסגעבעט איר אויפֿן דיל,
און געלאָזט זי ליגן שטיל.

נאָכדעם קו אין שטאַל פֿאַרטריבן,
און האָב שלאָפֿן זיך געקליבן.
זאָג איך: קוגאַר, איך גיי שלאָפֿן.
האַלט, מײַן פֿריינד, דײַן אויער אָפֿן —
האַלט אַן אויער אויף דער שטאַל!...
מיטאָמאָל טוט טיר אַ פּראַל
און די רויטע — מיט אַ „מו־מו־ו!"
שפּרינגט אין הויז צום קעלבל צו.

פֿון גערודער און שטופּעריי,
פֿון געבריל און האַוקעריי —
אויפֿגעוואַכט האָט ווײַב און קינד
און דאָס גאַנצע הויז־געזינד.

**
*

נו, איז דאָס געווען אַ נאַכט! —
מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט!

פול געווען אין הויז מיט רייד.
און די קינדער — פול מיט פרייד!
זיך צוגעשאַרט ווי קעצלעך שטיל
צו דעם קעלבל אויפן דיל,
און מיט ציטער עס געגלעט,
און געפלאַפּלט, און גערעדט,
און געקוואָלן און געפרעגט.

כ'האָב דערציילט פון אָנהייב־אָן:
וואָס געשען, און וואָס געטאָן,
און פאַרוואָס, און וויאַזוי;
און פון סנאָפּ באַדעקט מיט שניי,
און פון קוגאַר — גאָר באַזונדער!
ווי דער שוואַרצער — ס'איז אַ וווּנדער —
האָט דערפרייט זיך מיטן קעלבל,
האָט צעלאָזט זיך ווי אַ שוועלבל,
מיט געשוועב און ניט געדריי
איבער פעלדער טיף מיט שניי.

זיצן קינדער פול מיט וווּנדער
אַרום קעלבן אויפן דיל,

און אין קעפּעלעך באַזונדער
מאָלן בילדעלעך זיך פּיל.

צווישן קינדער איינגעקלאַמערט
ליגט קוגאַר אין האַלבן דרימל ;
אויף זייַן רוקן, ווי אויף סאַמעט,
די גרויע קעצעלעך צוויי, ווי תמיד,
ליגן איינגעקנוילט אין דרימל.

און די רויטע, כאָטש אַ מאַמע,
איז אַ שטיפערקע גאָר גרויס :
לעקט איר קעלבל, און צוזאַמען
לעקט זי קינדערס קעפּלעך אויס.

לאַכן קינדער, לאַכן הויך :
„רויטע מיינט, איך קעלבל אויך !"

און די רויטע רעדט אָן רייד, —
שטומע מאַמע דאַרף קיין רייד !
לעקט דאָס קעלבל, לעקט אַ קינד : —
„זענען מיר דאָך איין געזינד !"

און זי קערט איר קאָפּ צו מיר,
כאַפּט אַ גנביש קוק צום טיר —
טיר איז צו. — „יאָ, איין געזינד !"
און זי לעקט מייַן אַנדער קינד.

נו, וואָס זאָגט איר נישט דערצו ?
גלויבט זיך דאָס אייך אויף אַ קו ?
כ׳פרעג אייך ? — ווער איר זאָגן : קלוג ?
ניין ! „קלוג" איז נישט גענוג !
איך זאָג אייך, —
ס׳איז אַ מזיק, נישט קיין קו !

ג.

ווען פּאָול האָט דעם בלויען אָקס געפונען

(פון די לעגענדעס וועגן דעם
אַמעריקאַנעם פאָלקס-העלד
פּאָול באַניאַן)

אַרייַנפיר

איך ברענג דאָ בלויז אַ קליינעם טייל פון די פּאָול באַניאַן לע־געגנדעס, כדי צו געבן אַ באַגריף דעם יִידיש־לייענער וועגן איין צווייג פון דער אַמעריקאַנער פאָלקס־מעשׂה, — די הומאָריסטישע; פאַר דעם צוועק האָב איך אויסגעקליבן די פּאָול באַניאַן־לעגענ־דעס, ווייל זיי שפּיגלען אָפּ אַמבולטסטן און מער אַרומנעמענדיק דעם גייסט, דעם כאַראַקטער און די שטרעבונגען פונעם אַמערי־קאַנעם פאָלק און באַזונדערס — זייַן אייגנאַרטיקן הומאָר.

דער הומאָר פון דעם אַמעריקאַנעם איז, אין מערערע פאַלן, אַ נישט־דירעקטער, אַביסל אַ פאַרהוילענער, אַ שטילער, אָבער — אַן עקספּלאָסיווער, וואָס ליגט אויף דער גרענעץ פון סאַרקאַזם.

די אַביסל אויפגעבלאָזענע נייגונג פון דעם אַמעריקאַנער צו איבערגעטריבענע וווּנדער־מעשׂות, האָט איר וואָרצל אין זייַן נטיה צו באַרימעריי. דאָס לאָזט זיך דערקלערן מיט דעם, וואָס סיי אין געאָגראַפישן און פיזישן פאַרמעג פונעם לאַנד, און סיי אין איר געשיכטע פון אויסשפּרייטונג, אויפבוי און קאָלאָסאַלער אַנט־וויקלונג, איז ווייניק פאַראַן פון דעם געוויינלעכן. די אַמעריקאַנער, לעבנדיק אין אַט דעם ריזיקן וווּנדער־לאַנד, זענען געבוירענע רייזנדע, וואַנדערערס, זוכערס און אויפטוערס. די נייע שטרעקעס, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין אויסשפּרייטן פאַר זיי, האָבן געעפנט וועגן צו נייע מעגלעכקייטן, אַנטפּלעקט נייע באַטור־אוצרות, וועל־כע האָבן געפירט צו נייע דערפינדונגען, צו אַ נייעם אויפטו, —

צו אַ נייעם ווונדער. פון דעם נייעם אויפטו זענען דערציילט געוואָרן און איבערדערציילט געוואָרן מעשׂות אין פאָלק (און דער אַמעריקאַנער האָט ליב צו הערן און האָט ליב צו דערציילן מעשׂות), באַזונדערס ווונדער־מעשׂות, וואָס רופן אַרויס שטוינונג און סורפּריז.

דער אַמעריקאַנער, כדי צו פאַרגרינגערן זיין לעבן, האָט אַלע־מאָל געזוכט אויסצובעסערן זאַכן — אַפילו אין דער רויער נאַטור וואָס אַרום אים; פון דעם נעמט זיך, וואָס דער אַמעריקאַנער מעשׂה־דערציילער וועט זיך נישט אָפּהאַלטן פון פאַרבעסערן אַ מעשׂה וואָס ער האָט געהערט, ווייל ער האַלט פון דעם ווערטל: „צו מאַכן פון אַ גוטער מעשׂה אַ בעסערע, טוט קיינמאָל נישט וויי“.
“Making a good story a little better, never hurts“.
און אין וועבן גוזמהדיקע ווונדער - מעשׂות האָט דאָס פאָלק אויך געהאַט דעם ביישפּיל פון די פּראָפעסיאָנעלע מעשׂה־דערציילערס, וועלכע האָבן תמיד „אויסגעבעסערט“ אַ מעשׂה — סיי אין ליד, סיי אין וואָרט, און סיי אין שריפט.

די טיפּיש אַמעריקאַנער פאָרם פון מעשׂה־דערציילן איז נישט דער אַנעקדאָט — די קורצע דערציילונג, נאָר דער „יאַרן“ (YARN — געוועב), — דאָס וועבן געמיטלעך אַ מעשׂה פון אייגענע דערפאַרונגען אָדער דעראינערונגען וואָס רופן אַרויס שטוינונג, סורפּריז און געלעכטער פון די קוים גלויבלעכע אַוואַנטורעס. און דער „יאַרן“ ווערט דערציילט אין אַ נישט־געאײלטער טעמפּאָ, אָן אַ שמייכל אויף די ליפּן; בלויז אין די אויגן פונעם דערציילער טאַנצט אַ שטיפעריש פייערל און באַלויכט אַ קוים באַמערקטן שמייכעלע, וועלכער ליגט באַהאַלטן צווישן די קנייטשן פון די אַביסל צונויפגעשנורעוועטע אויגן, אָבער — מיט

אַן ערנסט אַנגעצויגן פּנים, גלייך ווי מען דערציילט אמתע פּאַסי־רונגען פון לעבן, פון וועלכע יעדער איינער האָט אַן אַנונג און אין וועלכע ס׳איז נישטאָ פון וואָס צו ווערן איבערראַשט.

פון אַלע אַמעריקאַנער פאָלקס־העלדן קוקט אַרויס דער „יענקי״ מיט זיין חוש פאַר גערעכטיקייט; מיט זיין גרייטקייט צו פּאַרטיי־דיקן; מיט זײַן שטענדיקן איבערקליגן דעם פּיינט און מיט זײַן בראַוואַדאַ־זשעסט: ער איז דער באַזיגער און דער רעטער; ער איז דער גרויסער אויפטוער. ווי אַ קולט־העלד איז ער פאַרקער־פּערט אין דעם האַלב־פאַרגעטערטן פּאָול באַניאַן־טיפּ, — דער אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון ענערגיע; פון שיינעם איינפאַל, פון גרויסן אויפטו און פון פאַרשריט פאַר זײַן לאַנד; ער איז דער גרויסער און גוטמוטיקער „באָס״ און איז אויך דער גרעסטער און שטאַרקסטער אַרבעטס־העלד.

די פּאָול באַניאַן לעגענדעס, ווי אייניקע אַמעריקאַנער פאָלק־לאָריסטן האַלטן, זענען געשאַפן געוואָרן אין די (LOGGER) וואַלד־העקערס קעמפּפּ.

די וואַלד־העקערס פלעגן אין האַרבסט זיך אַוועקלאָזן אין די וועלדער; דער לאַנגער ווינטער מיט שניי און אייז פלעגט זיי אָפּשליסן פון דער אַרומיקער וועלט; פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג פלעגן זיי אַרונטערהאַקן די ריזנביימער פון די שטאַ־מען, אַרומשנײַדן די צווײַגן און מאַכן פון זיי קלעצער גרייט גע־בונדן ווערן אין פליטן און געשיקט ווערן צו די זעג־מילן; זייער שפּײַז איז באַשטאַנען מערסטנס פון — געזאַלצן פלייש, בעבלעך און שוואַרץ ברויט.

אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן, נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, פלעגן די „לאַמבער־דזשעקס״ זיך אַרומזעצן אַרום דעם רונדן ברענענדיקן אויוון, — איבער וועלכן ס׳פלעגן הענגען זייערע נאַסע

קליידער — פלעגן זינגען לידער און דערציילן זיך מעשות. די לידער און די מעשות זענען געווען, מערסטנס, פון זייער אייגענעם לעבן און פון זייערע העלדן.

יעדער קעמפּ האָט געהאַט זײַן אונטערנעמער, אָדער „קעמפּ־באָס". דער קעמפּ־באָס האָט זיך אויפגעפירט ווי דער הויפּטלינג פון אַ שבט; זײַן וואָרט איז געווען געזעץ; ער האָט געדאַרפט זײַן דער בראַווסטער און שטאַרקסטער פון אַלע „לאָמבער־דזשעקס".

פּאָול באַניאַן איז טאַקע געווען אַ גרויסער און אַ שטאַרקער „לאָגגער". די וואַלד־העקערס האָבן באַוווּנדערט זײַן גבורה, זײַן בראַווקייט און זײַן אונטערנעמונגס־גייסט און דורך דעם איז ער בײַ זיי געוואָרן דער העלד פון אַ סך מעשות.

אייניקע פאָלקלאָריסטן האַלטן, אַז די מעשות וועגן פּאָול באַניאַן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרום דעם יאָר 1860 און האָבן זיך געצויגן ביז אַרום דעם יאָר 1890. אָבער דאָס קען אָפּגעפרעגט ווערן.(?)

אין די מעשות איז פּאָול באַניאַן נישט קיין געוויינלעכער מענטש, נאָר אַ ריז; — אַ ריז וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר נישט איין מענטש, נאָר אַ גאַנץ לאַנד; אַ לאַנד וואָס איז פון גרויס פאַרנעם, פון גרויסע מעגלעכקייטן און פון גרויסן אויפטו.

פּאָול באַניאַן איז דער זיכערער און געוואַגטער גייסט פון אַמעריקע: פון זיין יעדן אויפטו שלאָגט אַרויס דער אויפשטייג־ריטם פון אַמעריקע; זייַנע טריט זענען די ריזנטריט פון אַמעריקאַנעם פאָרשריט, — טריט, וועלכע הייבן זיך אָן אין שטאָט מעין און שפּרייזן דורך דעם קאָנטינענט ביז אָרעגאָן.

און אָט וואָס די „לאָמבער־דזשעקס" דערציילן וועגן פּאָול באַניאַן:

אים שניידן זיך ציין

פּאָול באַניאַן איז געבוירן געוואָרן אין דעם שטאַט „מעין", נישט ווײַט פון ים. ווען ער איז געוואָרן דרײַ וואָכן אַלט, האָבן זיך אים שוין אָנגעהויבן שנײַדן ציין; האָבן אַלע אויף אים געזאָגט: „פּאָול וועט זײַן אַ גרויסער חכם, — ער וועט אויפטאָן ווונדער!" און ווונדער האָט ער גלײַך באַוויזן: נאָך אין יענעם טאָג האָט ער צעביסן אַלץ וואָס ער האָט געקענט דערלאַנגען און צושלעפּן צום מויל, ווי — די לאַנגע שווערע בענק, דעם גרויסן טיש, דעם אויוון, און די פיר פיס פון זײַן טאַטנס בעט. און זײַן טאַטע, דאַרפט איר וויסן, איז נישט געווען פון די קליינע מענטשעלעך, — דער העכסטער מענטש פון לאַנד האָט אים דערגרייכט ביזן גאַרטל; ווען אימיצער האָט געוואָלט רײדן צו אים, האָט ער זיך געמוזט שטעלן אויף אַ באַנק, אָדער אויף אַ טיש, כדי דער אַלטער באַניאַן זאָל אים דערהערן. און אָט דער אַלטער באַניאַן, דאַרפט איר וויסן, איז געווען דער גרעסטער און שטאַרקסטער לאַמבער־דזשעק (וואַלד־העקער) אין יענער צײַט. האָט ער זיך געמאַכט אַ בעט — אַ לאַנגע, אַ ברייטע, אַ הויכע — פון די העכסטע און שטאַרקסטע ריזן־ביימער פון וואַלד; און פון אָט דאָס בעט האָט פּאָול צעביסן די פיר פיס. דערפאַר טאָקע גייט אַרום דאָס ווערטל ביז הײַנט צו טאָג, — „פּאָול האָט געשניטן זײַנע ציין אויף ריזן־ביימער פון וואַלד".

ווען זײַן מאַמע האָט דערזען וואָס איר פּאָול האָט דאָ אָפּגעטאָן, האָט זי אים אַרויסגעזעצט אין הויף אויפן גראָז און געזאָגט:

— שפּיל זיך דאָ, מײַן קינד, ביז איך וועל פאַרטיק ווערן מיט אָפּקאָכן דאָס עקסל פאַר דײַן טאַטנס מיטאָג, וואָרן ווען ער קומט אַהיים פון וואַלד איז ער זייער הונגעריק.

דער הויף איז געווען אַ גרויסער; אין דער ווײַט, וווּ דער הויף האָט זיך געענדיקט, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלטער געדיכטער וואַלד מיט ריזיקע ביימער; אין די טיפֿענישן פֿונעם וואַלד האָבן אַרומגעיאָגט פֿאַרשיידענע ווילדע חיות.

ווען פּאָול איז געבליבן אַליין אין הויף און האָט דערזען דעם געדיכטן וואַלד אין דער ווײַט, האָט עס אים גענומען ציִען צו די ביימער. האָט ער זיך געלאָזט קריכן אויף אַלע פֿיר — ווײַל ער האָט נאָך נישט געקענט גיין, — אָבער דער וואַלד איז נאָך אַלץ געווען צו ווײַט פֿאַר אים צו קענען דערלאַנגען מיט דער האַנט. האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט, געמאַכט אַ פּאָר טריט און זיך געוואָלט לאָזן גיין גיכער, איז ער אומגעפֿאַלן איבער אַ לאַנגן פּלאָקן וואָס איז אים געלעגן אין וועג, איז ער געבליבן זיצן. דער „לאַנגער פּלאָקן" איז געווען אַ „פּיווי" (טרײַב־פּלאָקן), וואָס זײַן טאַטע האָט געמאַכט פֿונעם העכסטן בוים אין וואַלד אויף צו טרייבן די פּליטן איבערן טײַך און איז געווען נײַן־און־נײַנציק פֿוס לאַנג מיט אַ שאַרפֿן שפּיץ בײַם סוף.

ווען פּאָול האָט דערטאַפּט דעם לאַנגן פּלאָקן האָט ער אים צוגעטראָגן צום מויל און גענומען איינבייסן מיט זײַנע נאָך נישט דורכגעשניטענע ציין. און דאָ איז געשען עפּעס אַזוינס וואָס איר וועט דאָך מיסטאָמע נישט גלויבן, זאָג איך אייך, אַז אויף פּאָולן מעגט איר גלויבן נאָך גרעסערע זאַכן. אָט, הערט:

ווי פּאָול זיצט אַזוי — מיט די ציין אײַנגעביסן אין דעם ברייטן עק פֿונעם פּלאָקן און מיט דעם שאַרפֿן שפּיץ אויפֿגעהויבן צום וואַלד — אַזוי איז פֿון וואַלד אַרויסגעשפּרונגען אַ פֿאַרסאַפּעטער הירש מיט ריזיקע הערנער און איז מיט זײַן אָפֿענעם מויל אַרויף גלײַך אויפֿן שאַרפֿן שפּיץ פֿונעם פּלאָקן; דער הירש איז געפֿלויגן פֿון אַ געפֿאַר, און דער שפּיץ איז געווען שאַרף, איז דער

שטעקן אַרויס בײַם הירש פון עק און, דער הירש מיט די ריזיקע הערנער האָט זיך אַ גליטש געטאָן — ווי אַ בייגל אויף דעם בע־קערס שטעקן — ביז צו פּאָולס הענטלעך. און גלײַך נאָכן הירש איז פון וואַלד אַרויסגעשפּרונגען אַ גרויסער גרויער וואָלף מיט אַן אָפענעם מויל — ווייל דער וואָלף האָט זיך געיאָגט נאָכן הירש — און אויך דער וואָלף האָט זיך, פון מויל ביז עק, אַרויפ־געגליטשט אויפן פלאָקן וואָס פּאָול האָט געהאַלטן; און נאָכן וואָלף האָט זיך געיאָגט אַ טיגער; און נאָכן טיגער — אַ לייב; און נאָכן לייב האָט זיך געיאָגט אַ ריזיקע העלפאַנט־שלאַנג, — און זיי אַלע האָבן זיך, פון אָפענעם מויל ביזן עק, אַרויפגעגלישט אויפן פלאָקן. און דאָ האָט פּאָולס מאַמע געעפנט די טיר צום הויף און האָט אויסגערופן:

— פּאָול, מײַן קינד, ווו ביסטו?

ווען זי האָט אים דערזען אין דער ווײַט, האָט זי צו אים אויסגעשפּרייט די הענט און האָט אויסגעזונגען:

— אַליין, אַליין, וועט מײַן ייִנגעלע גיין!
קום צו מאַמען, נחת׳ל שיין!

האָט זיך פּאָול אויפגעהויבן, אַרײַנגעשטעקט דעם פלאָקן אין דער ערד, און זיך געלאָזט גיין צו זײַן מאַמען.

דער פלאָקן מיט אַלע חיות אויף אים איז מיט דער צײַט פאַרשטיינערט געוואָרן און שטייט נאָך דאָרטן ביזן הײַנטיקן טאָג. מענטשן פון שטאָט מעין האָבן עס אַ נאָמען געגעבן:
„פּאָול׳ס טאָטעם־פּאָל״.*

* „טאָטעם־פּאָל״: אַ הויכער האָלצענער סטאָלב אָדער אַ קאָלאָן פון שטיין, אויף וועלכן פיגורן פון חיות זענען אויסגעקריצט; געוויינלעך חיות, וועלכע ווערן פאַרהייליקט פון געוויסע פּרי־מיטיווע שבטים.

דער ערשטער סימן

איין נאַכט, ווען פּאָול איז געווען דריי חדשים אַלט, האָט זיך זײַן טאַטן געחלומט אַז ער פאַלט. ווען ער האָט זיך מיט שרעק אויפגעכאַפּט, האָט ער דערזען אַז ער ליגט גאָר אויף דער ערד און צוויי פּיסלעך פון זיין הויכער בעט זענען אָפּגעזעגט. וווּנדערט זיך פּאָולס טאַטע, קוקט זיך אַרום און דערזעט:

אין וויגעלע, מיט אַ זיסן שמייכל אויף זײַן פּנים און מיט אַ זעג אין זײַן רעכטער האַנט, ליגט פּאָול און שלאָפט.

ווען דער אַלטער באַניאַן האָט דערזען די זעג אין פּאָול׳ס האַנט, איז אין אים אויפגעגאַנגען אַ גרויסע פרייד. ער האָט זיך געשטעלט איבער פּאָול׳ס וויגעלע, אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט, און מיט שטאָלץ אין קול זיך אָנגערופן:

— פּאָול, דו האָסט מיר געוויזן אַז דו ביסט דײַן טאַטנס זון; אַז דו וועסט גײַן אין דײַן טאַטנס פוס־טריט, — גוט אַזוי! גוט אַזוי, מײַן קינד! דו ביסט דער שטאָלץ פון דײַן טאַטן! און איך האָף, אַז דו וועסט זײַן דער שטאָלץ פון דײַן לאַנד, און — אַ בײַ־שפּיל פאַר דער גאַרער וועלט.

און פון יענער נאַכט אָן איז קלאָר געוואָרן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז פּאָול איז אַ געבוירענער לאַמבער־דזשעק (וואַלד־האַ־קער); אַז ער — מיט זײַנע אייגנפאַלן און מיט זײַן אויפטו — וועט בייטן דאָס פּנים פון דער יונגער, נאָך האַלב־רויער — יו. עס. איי.

פּאָול׳ס וויגעלע

ווען פּאָול איז געוואָרן זעקס חדשים אַלט, האָט זײַן מאַמע פאַר אים צוגעגרייט אַ יום־טובדיקע וועטשערע, — אַ זייטל הירשן־פליש, זעקס טעפּ קאַרטאָפל, זעקס קעפּלעך קרויט, זעקס געקאָכטע בוריקעס און זעקס רויע ברוקוועס און, אַ געדיכטן זופּ פון אַרבעס מיט פּאַסאָליעס. פּאָול האָט עס אַלץ אויפגעגעסן, האָט עטלעכע מאָל אָפּגעגרעבצט און — האָט זיך געלייגט שלאָפן.

אין שלאָף האָט ער זיך אַזוי געוואָרפן און געכראָפּעט, אַז די ערד האָט גענומען ציטערן אויף מײַלן אַרום; הויכע נאָדל־ביימער האָבן זיך צעוויגט און האָבן זיך איבערגעבראָכן; און אַ וואַלד, פיר קוואָדראַט מייל — דער איינציקער וואַלד פון יונגע בעראָזקעס אין יענער געגנט — איז אײַנגעפאַלן.

זענען מענטשן געקומען צולויפן און זיך געבעטן בײַ זײַנע עלטערן:

— וועקט אויף אײַער פּאָולן; ער קען נאָך חרוב מאַכן די וועלט מיט זיין כראָפּען!

האָט דער אַלטער באַניאַן לאַנג נישט געטראַכט; ער האָט גענומען זײַן גרויסע האַק, האָט אויסגעהאַקט די העכסטע ביימער פון וואַלד און האָט פון דעם געמאַכט אַ וויגעלע גרויס גענוג פאַר פּאָולן; דאָס וויגעלע האָט ער אַוועקגעשטעלט אויפן ים, אין דעם „פונדי״־אויסגוס, זי דאָרט פאַראַנקערט און געזאָגט: „דאָ וועט מיין פּאָול שלאָפן״.

דער ים אין דעם פונדי־אויסגוס, דאַרפט איר וויסן, איז אַלע־

מאָל שטורעמדיק; ערטערווייז איז דער ברעג — אַ שטיינערנער אָפּריס — זיבעציק פוס הויך! און די כוואַליעס דאַרט צעשפּילן זיך אָפּט נאָך העכער פונעם ברעג. אָבער, ווען מ׳האָט אַריינגעלייגט פּאָולן אין זיין וויגעלע, איז די וואָג געווען אַזוי שווער, אַז די כוואַליעס האָבן זיך נישט געקענט אַ ריר טאָן, און דער ים האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ געפּרעסטע בלויע ליילעך איבער אַ בעט און געבליבן ליגן שטיל ווי אַ קעצל.

אָבער, ווען פּאָול איז איינגעשלאָפן — פריער מיט קליינינקע כראָפּקעלעך, נאָכדעם מיט גרעסערע, ביז ער האָט זיך פאַרנאָנדערגעכראָפּעט מיט אַ געקייטלטן קרעשענדאָ און האָט זיך גענומען וואַרפן אין שלאָף — איז געוואָרן אַזאַ שטורעם אויפן ים, אַז שיפן האָבן זיך איבערגעקערט; און די כוואַליעס אין דעם פונדי־אויסגוס האָבן זיך אַזוי צעשטורעמט, אַז זיי האָבן הויך און ווייט איבערן ברעג געשמיסן, שטעטלעך פאַרשווענקט, אין ים אַראָפּגעטראָגן, און דעם האַלב־אינדזל נאָוואָ שקאָשיאַ שיער נישט געמאַכט פאַר אַ גאַנצן אינדזל, ווייל די כוואַליעס פון דעם פונדי־אויסגוס האָבן אַריבערגעשמיסן און האָבן זיך געטראָגן איבער דעם האַלב־אינדזל ביז צום אויסגוס פון מיראַמיטשי.

זענען מענטשן געקומען צולויפן צו פּאָולס עלטערן און — מיט טרערן אין די אויגן — זיך געבעטן:

— האָט רחמנות, וועקט אויף אייער פּאָולן איידער מיר אַלע ווערן פאַרשווענקט פון די צעכוואַליעטע וואַסערן!

זענען טאַטע־מאַמע אַוועק אויפוועקן פּאָולן. אָבער פּאָול איז געשלאָפן אַזוי געשמאַק, אַז זיי האָבן אים נישט געקענט אויפוועקן.

זענען די מענטשן געלאָפן און געבעטן הילף ביי דער רעגי־

רונג. האָט די רעגירונג אײַנגעזעצן די געפּאַר און האָט אַרויסגע־שיקט זיבן קריגסשיפן אויפצוזוכן פּאָולן. האָבן די זיבן קריגס־שיפן זיך אויסגעשטעלט אין אַ האַלבן קרייז אַרום פּאָול׳ס וויגעלע און האָבן גענומען שיסן אין דער לופט מיט קאַנאָנען.

דאָס קנאַלן פון די קאַנאָנען האָט פּאָולן געבראַכט אַ זיסן חלום, — אַ חלום וואָס איז געלעגן אין זיינע יונגע בלוטן: אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט ווי לאַמבער־דזשעקס האַקן אונ־טער אַ וואַלד מיט הויכע ביימער, און די ביימער פאַלן איינע נאָך די אַנדערע מיט אַ קראַך! קראַך! קראַך! האָט ער זיך אויפגע־כאַפּט פון שלאָף, איז אַרויסגעשפּרונגען פון וויגעלע אין ים אַרײַן און האָט זיך געלאָזט גיין צום ברעג, וווּ דער וואַלד איז געשטאַ־נען.

אַלע ווייסן, אַז דער ים־ברעג אין פונדי־אויסגוס איז דער העכסטער ים־ברעג אין דער וועלט. אָבער פון פּאָול׳ס שפּרונג אין ים אַרײַן און פון זײַן גאַנג אין די צעשטורעמטע וואַסערן, האָבן זיך אויפגעהויבן אַזעלכע ריזיקע כוואַליעס, אַז זיי האָבן אַרויפגע־שאָסן נאָך זיבעציק פוס העכער איבער דעם ברעג און האָבן אַראָפּ־געשווענקט הײַזער, ביימער, בריקן, און די זיבן קריגסשיפן האָבן זיך איבערגעקערט און זענען פאַרשווונדן געוואָרן אונטער די וואַסערן...

דאָ וויל איך זאָגן אַ טרייסט־וואָרט צו די יעניקע, וואָס זאָרגן זיך איבער דעם גרויסן פאַרלוסט פון דער רעגירונג — זיבן קריגסשיפן! זאָג איך אייך, און איר מעגט מיר גלייבן, אַז די רעגירונג האָט דורך דעם געוווּנען, ווייל אַלס שטראָף פאַר די זיבן קריגסשיפן האָט די רעגירונג צוגענומען פּאָול׳ס וויגעלע, און פון דעם געהילץ האָט זי אויפגעבויט נײַע זיבן קריגסשיפן מיט נאָך אַ צוגאָב — אַ קליינע שלעפּשיף.

פּאָול גייט אין סקול (בית ספר)

ווי אַלע לאָמבער־דזשעקס — כאָטש זײַן קענטעניש איז געווען גרויס — האָט פּאָול זייער ווייניק געלערנט. אמת, ער איז געגאַנגען אין סקול, אָבער צוליב אַ סך סיבות זענען די געוויינלעכע סקולס מיט די געוויינלעכע לערערס נישט געווען פאַר אים. און ווען פּאָול האָט פּרובירט זיך אַליין אַרויסהעלפן, האָט זײַן סקול־מאַסטער (לערער) אים נישט געקענט פאַרשטיין...

די זאַך איז אַזוי געווען:

ווען פּאָול איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר, האָט זײַן טאַטע אים אַרײַנגעגעבן אין סקול, אַז פּאָול זאָל לערנען צוגלייך מיט אַלע זעקס־יאָריקע קינדער. און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן פּאָול'ס מאַטערנישן און זײַן סקול־מאַסטערס שוועריקייטן. און אָט פאַרוואָס:

כאָטש דער קלאַס־צימער איז געווען ברייט גענוג און לאַנג גענוג, איז ער אָבער נישט געווען הויך גענוג פאַר פּאָולן; פּאָול האָט דאַרט געדאַרפט אַרומגיין — אָדער אײַנגעבויגן, אָדער אויף די קני — האָבן אַלע קינדער געלאַכט פון אים; און האָט זיך פּאָול אַוועקגעזעצט, זענען די בענקלעך געווען צו נידעריק פאַר אים און ער האָט נישט געהאַט ווו אַהינצוטאָן זײַנע לאַנגע פיס. האָט ער אַלעמאָל געדאַרפט זיצן בײַ דער הינטערשטער וואַנט פון קלאַס; און האָט מען געדאַרפט שרײַבן אויפן טאָוול, איז דער טאָוול געווען צו נידעריק און צו קליין פאַר אים, — אַפילו ווען ער האָט זיך געזעצט אויף די קני, האָט ער מער ווי צוויי אותיות, אָדער צוויי ציפער נישט געקענט אָנשרײַבן אויפן טאָוול. אָבער פּאָול

האָט געוואָלט לערנען, האָט ער זיך פאַרטראַכט און האָט צוגע־טראַכט אַזאַ זאַך:

דעם שטאָט „ווערמאָנט" רופט מען אויך „גראַניט־שטאָט". האָט פּאָול, מיט זיינע לאַנגע פיס, אַ שפּרונג געטאָן קיין ווער־מאָנט; פון אַ גראַניט־באַרג אָפּגעריסן אַ גראַניט־טאָוול; אַ שפּרונג געטאָן צוריק, עס אַריינגעשטעלט ביי דער הינטערשטער וואַנט פון קלאַס־צימער און האָט אויף דעם גענומען שרייבן דעם א"ב.

קומט אַריין דער סקול־מאַסטער — ער איז געווען אַ קליין מענטשעלע — און וויל זען וואָס פּאָול האָט אָנגעשריבן. קוקט ער אַרויף צום טאָוול און זעט בלויז עקעלעך און פּינטעלעך. נעמט ער זיינע „פעלד־גלעזער" און קוקט ווידעראַמאָל אַרויף, זעט ער בלויז די אונטערשטע טיילן פון אותיות. האָט ער זיך צעשריען אויף פּאָולן און האָט אים באַליידיקט פאַר אַלע קינדער אין די אויגן.

פּאָול האָט נישט געקענט פאַרטראָגן אַ באַליידיקונג, האָט ער אָנגעכאַפּט דעם סקול־מאַסטער ביים קאָלנער, אים אויפגעהויבן און אַריינגעזעצט אין גרויסן קיילעכדיקן אויוון, וואָס איז געשטאַ־נען אין מיטן פון דעם קלאַס־צימער. (גוט וואָס דער אויוון איז יענעם טאָג נישט אָנגעצונדן געוואָרן, ווייל דער באַדינער וואָס הייצט דעם אויוון, האָט אין יענעם פרימאָרגן נישט געקענט אַרויס פון זיין הויז, ווייל די טיר איז איינגעפרוירן געוואָרן). און גלייך דאָ האָט פּאָול באַשלאָסן, אַז האָבן צו טאָן מיט סקול־מאַסטערס און מיט ביכער — איז נישט פאַר אים און, ער האָט זיך אַ לאָז־געטאָן צו דער טיר. ער האָט אָבער מיט זיינע גרויסע פיס פאַר־טשעפּעט דעם אויוון, איז דער אויוון אומגעפאַלן און דאָס טירל

האָט זיך געעפנט. איז דער סקול־מאַסטער אַרויסגעקראָכן און האָט זיך געלאָזט לויפן נאָך פּאָולן.

פּאָול איז געלאָפן אַ פּאַרסאָפּעטער אַזוי גיך, אַז די ערד איז געפלויגן אונטער זײַנע פּיס; און מיט יעדן אָטעם איז פון זײַן מויל אַרויסגעקומען אַ גאַנצער וואָלקן פּאַרע און איז גלײַך פאַר־פרוירן געוואָרן אין דער לופט, ווײַל דעמאָלט איז געווען זייער אַ קאַלטער ווינטער. ערשט, ווען פּאָול האָט דערזען דעם גאָלף (בוכטע) פון סעינט לאָורענס, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און האָט זיך אַרומגעקוקט: זײַן סקול־מאַסטער האָט ער מער נישט געזען; ער האָט אָבער געזען ווי זיין פאַרפרוירענער אָטעם הענגט אין דער לופט ווי גרויסע אָנגעבלאָזענע ווײַסע וואָלקנס און טראָגן זיך מיט די ווינטער־ווינטן צום ים.

און אַט דער פאַרפרוירענער פּאָול'ס אָטעם הענגט נאָך דאָרטן ביז הײַנט צו טאָג. די אַמעריקאַנער מאַטראָסן רופן עס „פּאָול'ס אָטעם"; אַנדערע רופן עס „פּאָול'ס זופּ"; אָבער אין אַלע אַנדערע לענדער רופט מען עס מיטן פּשוטן נאָמען — נעפּל. און דאָס איז טאַקע דער נעפּל, וואָס מאַכט שווער פאַר שיפן צו געפינען דעם וועג צו די פּאָרטן פון דעם שטאַט מעין.

פּאָול באַניאַן

יאָרן גייען, יאָרן קומען,
און מיט יאָרן — נייע צייט;
פון דעם וואַלד־ריז, פּאָול באַניאַן,
טראָגט לעגענדע זיך פון ווייט:

„אין שטאָט מעין איז אַ ריז געבוירן —
אַ לאָמבער־דזשעק, — ווי שטאָל זײַן ביין!
האָט זײַן טאַטנס האַק גענומען
און צום וואַלד געלאָזט זיך גיין.

מיט איין שווונג פון האַק דער גרויסער
ליגט אַ וואַלד באַלד אויסגעהאַקט;
פּול איז לאַנד מיט װעלדער טיפע —
שפּאַנט דער ריז און האַקט, און האַקט.

און ווי שמשון, אין זײַנע צייטן,
שפּאַנט דער וואַלד־העקער, דער ריז,
און אין גראַניט־שטיין, ווי אין זאַמדן,
גראָבן איין זיך זײַנע פיס״...

שמשונס צייט — אַ קאַמף פאַר געטער;
פּאָול באַניאַנ׳ס — פאַר גאָטס וועלט!
אויף רויער ערד, אויף ווילדער ערד
אַ נייע וועלט ווערט אויפגעשטעלט...

מיט באַניאַנ׳ס טראָט אינדוסטריע שפּאַנט
מיט ריזנשפּאַן, מיט אימפּעט־שווונג, —
פון „גראַניט־שטאַט״ ביז „אייביק־גרין־שטאַט״ *
הילכט זײַן האַק מיט נײַעם קלונג...

ס׳פאַלן וועלדער, פאַבריקן וואַקסן,
ס׳וואַקסט פּאַרקער אויף ברוק, אויף טײַך;
ס׳עפנט מענטש אויף זײַנע אויגן
און דערזעט ווי וועלט איז רײַך...

ס׳בעט נאַטור זיך בײַ דעם מענטשן:
— מײַנע אוצרות נישט פאַרשעם!
סײַ אויף פלאַכן, סײַ אין טיפן
ליגן גרייטע, — נעם... און נעם!

שפּאַן איין ווינטן, וואַסער־פאַלן,
גראָב אין ערד זיך ווי דער קראָט;
גראָב מיט אימפּעט פון פּאָול באַניאַן,
שפּאַן מיט גבורה פון זײַן טראָט...

פּאָול באַניאַן מיט זײַן בלויען „בעיב״ — **
זייער נאָמען טראָגט זיך ווײַט;
ס׳קרעכצן בערג, ס׳ציטערט אורוואַלד,
ס׳טראָגט זיך ריטם פון נײַער צײַט...

---

* „גראַניט־שטאַט״ — ווערמאָנט; „אייביק־גרין־שטאַט״— אָרעגאָן.
** „בעיב״ — פּאָול׳ס שותף: דער „בלויער אָקס״, (אַמעריקאַנער אַרבעטער). די „לאָמבער־דזשעקס״ האָבן שפּעטער, ווען „בעיב״ איז עלטער געוואָרן און איז גרעסער געוואָרן, אים אָנגעהויבן רופן: „אַ־פּ־אַ־ל״. און נאָך שפּעטער, אויך „ס־י־אַ״...

בלויער ווינט און בלויער שניי

דאָס איז געווען אין יענעם יאָר
ווען בלויער ווינט האָט זיך צעשטורעמט איבער וועלט
און האָט דעם קיילעך אויף זיין אַקס ווי אָפּגעשטעלט;
אַ וועלט אַ גאַנצע איז געבליבן שטיין
און האָט זיך צוגעהערט צום בלויען ווינט־געוויין.

און געשטורעמט און געוויינט האָט בלויער ווינט,
וואָס מענטש איז עלנט און איז הילפלאָז ווי אַ קינד;
און ווי אַ רינד ער טוט קיין גליק פאַרמאָגן;
ז'אָט זיך בלויער ווינט אין דינסט פון מענטש געשטעלט
און האָט צו אים — אויף גאָרער וועלט —
אי גליק, אין פרייד געטראָגן.

און צו דעם ווינט, ווי אַ גלייכע פּאָר,
אין ווירבלדיק געדריי צעבלאָזן,
האָט זיך אַ בלויער שניי געלאָזן;
אַ שניי געדיכט און ווייך ווי פּוך
האָט בלויער ווינט —
ווי פעלד־פאַרזייער מיט קערנער אין האַנט —
פון צפון־אַקס ביז כינע־לאַנד
דעם בלויען שניי געזייט, געשפּרייט.

און האָט פּאַר גרויסן גראָען כינע־לאַנד
אַ בלויע ווייכע בעט געגרייט.

וואָלט כינע־לאַנד אין בלויען ווינט און שניי
דאָס גליק דערזען,
וואָלט כינע־לאַנד פאַר גרויסן ווינד־און־ווי
קיין היים געווען...

אָבער,
אין כינע־לאַנד אין ווײַטן
האָט אין יענע גראָע צײַטן
געהערשט דער שלעכטער קעניג — ענג־ווײַן־גענג,
וואָס האָט מיט בײַטשן, נישט מיט רייד,
פון לאַנד געטריבן סײַ גליק, סײַ פרייד;

אין זייט־בײַ־זייט מיט בייזן ענג־ווי־גענג
דאָרט פראַנק און פרײַ אַרומגעגאַנגען
די אַלטע געלע נויט און
די אַלטע געלע לײַד.

און אָט דער שלעכטער קעניג
האָט לאַנג אין לאַנד געקיניגט —
אָ, לענגער נאָך ווי לאַנג...
און ווען ער האָט דערזען
ווי בלויער שניי האָט זיך געשפּרייט
און האָט פאַר אַלעם גלײַך —
— פאַר אַלעם גלײַך! —

אַ בלויע ווייכע בעט געגרייט,
האָט קעניג ענג־ווײַן־גענג
מיט גרינעם כעס געצאָרנט,

און האָט געוואָרנט קייט־און־קינד
קעגן בלויען שניי און בלויען ווינט,
און האָט אויפן אָרט
באַפוילן מיט שטרענגן וואָרט:

„איך, קעניג ענג ווײַן - גענג,
טו פאַרווערן שטרענג
בלויען ווינט און בלויען שניי —
דער בלויער שאַנד! —
זיך פאַרשפּרייטן דאָ,
אין אונדזער גראָ - און -געלן כינע - לאַנד!
און איך טו באַפעלן:

ווענט נאָך ווענט פון מענטשן שטעלן, —
ווי שטיין נאָך שטיין, ווי שטיין אויף שטיין;
און אַזוי,
ריי נאָך ריי, ריי נאָך ריי
רונד אַרום דעם לאַנד אויסשטעלן;
און אַלע —

ווער מיט קאָפּ און ווער מיט כוח;
ווער מיט צונג און ווער מיט קלונג;
ווער מיט בײַטש און ווער מיט בוך,
און ווער מיט שוך און טוך —
זאָל בלויען ווינט און בלויען שניי
טרײַבן, טרײַבן, טרײַבן,
ביז אין כינע־לאַנד זאָל פון זיי
דער מינדסטער שפּור נישט בלײַבן!"

ווער ס׳האָט דעם קעניגס באַפעל געהערט,
און ווער ס׳האָט אים נישט געהערט;
נאָר אַלע אונטערטאַנען —
קעגן זייער ווילן,
מיט בייסיקן פאַרדראָס מיט שטילן
און הערצער פול מיט וויי, —
האָבן בלויען ווינט און בלויען שניי
פון כינע־לאַנד געטריבן.

געטריבן... און געטריבן...
ביז פון דער מידער מענטשן־וואַנט,
וואָס רונד־אַרום דעם לאַנד,
איז אַ שטויביק־גראָע שטיינער־וואַנט פאַרבליבן...
— — — — — — — — —

דער בלויער ווינט און בלויער שניי
געוואָרן איז פון דאָרט פאַרטריבן,
נאָר דאָס גראָע ווינד־און־וויי
איז נאָך לאַנג אין כינע־לאַנד פאַרבליבן...
— — — — — — — — —

פאַרטריבן...
האָט בלויער ווינט
אַ גאַנצע נאַכט בײַ גראָער וואַנט
געוויינט ווי אַ קינד;

און דאָס געוויין פון בלויען ווינט
איז אין גראָען כינע־לאַנד
אויף אייביק שוין פאַרבליבן...
אָבער,
פאַר די טרעגער פון גליק און פרייד
זענען פילע לענדער געוועזן גרייט;
האָט בלויער ווינט מיט שטורעם זיך צעבלאָזן
און האָט מיט בלויען שניי
אין וועג אין ווײַטן זיך געלאָזן.

פון כינע־לאַנד, מיט ווינט באַנאַנד,
האָט בלויער שניי איןווירבלדיק געדריי
מיט שטורעם איבער ים דעם „שטילן"
זיך געטראָגן;

האָט זיך געטראָגן נעכט מיט טעג
און האָט צום מערבדיקן ברעג
פון דעם אַמעריקאַנעם קאָנטינענט
דעם בלויען שטורעם אָנגעטראָגן;
אָנגעטראָגן,
און האָט געשפּאַנט מיט ווינטן־ שפּאַן
פון אָקעאַן ביז אָקעאַן
און איבערן גאַנצן קאָנטינענט
דעם בלויען שניי געשפּרייט,
געהורבעט, געדרייט,
געווײַעט און פאַרווײַעט,
ביז געוואָרן איז נישט קאַנטיק

זוי געווען איז באַרג אַמאָל
און ווי געווען איז טאָל: —
אַלץ אויסגעגלייַכט און אויסגעגלעט;
אַלע צאַמען אָפּגעווישט און אָפּגעמעקט;
און מיט איין קאָלירטן צודעק
אַלץ און אַלעמען צוגעדעקט...

פון פּאַסיפיק ביז אַטלאַנטיק,
אַ בלויער זון אַנטקעגן,

איז דער אַמעריקאַנער קאָנטינענט געלעגן
ווי אַ ריזיקער גיגאַנט —
אויסגעשפּרייט,
גרייט,
אַז אַ נייַע בלויע וועלט
זאָל דאָ ווערן אויפגעשטעלט...
אַחוץ קענטאַקי־לאַנד...*
וייל,
קענטאַקע־לאַנד, ווי כינע־לאַנד,
האָט בלויען שניי
נישט געקענט פאַרלידן;
זיי האָבן אויפגעשטעלט
אַ „מונשיין״־טורעם **

—○—

* „קענטאַקי״, איינער פון די דרום־שטאַטן אין צפון אַמעריקע.

** „מונשיין״, בראַנפן, געמאַכט אין געהיימע ברייזלעך אין די קענ־טאַקיער וועלדער.

און מיט דעם „מונשיין״
קעגן בלויען שניי געשטורעמט.

האָט בלויער שניי —
מיט פאַרדראָס און שאַנד.
געמוזט אויסמיידן
דאָס „מונשיין״־לאַנד.

אַז בלויער שניי האָט נישט דערגרייכט אַהין,
איז שטאָט קענטעקי — פון עק ביז עק —
ווי אַ גרויסער פלעק אויפן גאַנצן לאַנד —
פאַרבליבן „מונשיין״ — רייך און גרין...

פּאָול פּאַרהאַלט דעם בלויען ווינט

נאָך ווען ער איז געווען אַ קינד
איז פּאָול׳ס חבר געווען פון פעלד דער ווינט.
און יעדן ווינט האָט ער געקענט דערקאָנען;
און יעדן ווינט האָט ער גערופן
מיט אַן אַנדער נאָמען:

„ווינטן וואָס וויינען אין וועלדער ווי קינדער;
„ווינטן וואָס רעווען אין פעלדער ווי רינדער;

„ווינטן וואָס יאָגן און יובלען ווי יעגערס;
„ווינטן וואָס טראָגן אָן שטורעם ווי טרעגערס;

„ווינטן וואָס בורען און ברעכן און שטורעמען;
„ווינטן וואָס בויען און בייגן און פורעמען;

„ווינטן ווי זייערס, וואָס זייען זאָמען —
פוןביימער, פון בלומען, פון גראָזן
און סתם, —
„ווינטעלעך וואָס בלאָזן״.

אין יענעם שנייאיקן פרימאָרגן,
ווען בלויער ווינט האָט זיך געטראָגן

און זײַן געוויין האָט זיך געמערט,
האָט פֿאָול דעם בלויען ווינט דערהערט
און האָט פֿאַרנומען זײַן בלויען קלאָג...
האָט ער צו זיך אַלײַן געזאָגט:

„פֿון בלויען ווינט האָב איך געהערט
נאָך פֿון מײַן עלטער־באָבען;
צו זען און הערן אים אָבער,
איז מיר נישט געווען באַשערט.

„שוין לאַנג אַז בלויער ווינט
האָט אויסגעפּעלט
אויף אונדזער גרויסער גראָער וועלט!

„מיט זיין בלויער גבורה נישט געצאַמט,
קען ער וועלטן איבערקערן,
וועלטן צעשטערן!
אָבער,
מיט זײַן בלויער גבורה איינגעשפּאַנט,
קען ער אונדזער שטאַרקע הילפּס־האַנט ווערן...

„סײַ אויף ים,
און סײַ אויף לאַנד,
ווען איינגעשפּאַנט אין ריכטיקן געשפּאַן,
קען ער — ווי מיט אַ כּישוף־האַנט —
בערג רירן,
שיפֿן פֿירן,

פליגלען טרײַבן,
רעדער דרייען
און אויף גאָרער ערד דער בלויער
אַ גרויסע גליקלעכע וועלט אויפבויען..."

אַזוי האָט פּאָול וועגן בלויען ווינט געטראַכט;
געטראַכט, באַטראַכט, און — אַזוינס צוגעטראַכט:

„איך וועל דעם בלויען ווינט פאַרהאַלטן,
האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט;
איך וועל אים אין היילן און אין שפּאַלטן
אויף אַ ,רעגנדיקן טאָג' באַהאַלטן".

און צו ווייזן וואָס ער קען,
האָט פּאָול אָט־וואָס געטאָן:

ווי בלויער ווינט האָט זיך געטראָגן איבער דער וועלט,
האָט פּאָול קעגן ווינט זיך אויפגעשטעלט
און האָט מיט אָפן מויל גענומען זויגן;
געזויגן, געזויגן,
ביז ער האָט דעם גאַנצן בלויען ווינט
אין זיך אַרײַנגעצויגן,
און באַלד, מיט פרייד ווי פון אַ קינד,
און מיט צעלויכטענע אויגן
איז ער געלאָפן —
צו מזרח, צו מערב, צו דרום, צו צפון,
האָט דאָרט געבויערט, גערידלט, געגראָבן,
ביז ער האָט גרויסע היילן אויסגעגראָבן;

און האָט אַהין דעם בלויען ווינט אַרײַנגעבלאָזן.
אַרײַנגעבלאָזן,
און באַלד דאָס טירל פאַרהאַקט,
פאַרריגלט,
פאַרמויערט מיט רויטע שפינוועב־ציגל,
וואָס אַ פּאָר־היסטאָריש רויטע שפּין
האָט אויסגעשפּונען
און פּאָול האָט עס גראָבנדיק געפונען.

און ס'האָט אים לאַנג נישט געדויערט —
פאַרריגלט און פאַרמויער!

און וואָס אים איז פון בלויען ווינט
פאַרבליבן,
האָט פּאָול עס איבערן לאַנד צעבלאָזן,
צעטריבן:
— זאָלן בלויע ווינטעלעך זיך יאָגן
און איבער ברייט פון לאַנד זיך טראָגן!...

—□—

האָבן בלויע ווינטעלעך צעשפּרייט זיך,
איבער שניי־באַדעקטע פעלדער געדרייט זיך,
ביז געקומען צום גרינעם פלעק אין מיטן —
די גרינע שטאַנד: קענטאַקי־לאַנד,
וואָס בלויער שניי האָט דעמאָלט אויסגעמיטן —
און האָבן איבער גרינע פעלדער זיך געלאָזן:
דאָ געקייקלט זיך פון בערגלעך באַגראָזטע;

און דאָרט אַ הויפן בלעטער אויפגעבלאָזן;
דאָ געשטיפּט, און דאָרט געטאַנצט,
און אַזוי פון פלאַנץ צו פלאַנץ,
ביז זיי האָבן — אין שטאָט אין גאַנצן —
אָפּגעפאַרבט אויף בלוי די גראָזן...

נאָכדעם
פון בוים צו בוים געשפּרונגען,
אויף דינע ווערבע־צווייגן זיך צעהאַנגען
און האָבן מיט וויאָיק־ווינטיקע קלאַנגען
אַ גאַנצע נאַכט „קענטאַקי בליוס״ געזונגען. *

דאָס רעשט פון ווינט, וואָס איז פאַרבליבן
פון קענטאַקי־לאַנד,
האָט זיך אין טיפן גרונט פון דעם גיגאַנט —
דעם פּיל־באַזונגענעם „גרענד קעניאָן״ פאַרקליבן.

און ווער ס׳באַזוכט דעם גרענד קעניאָן
היינט צו טאָג,
קען עדות זאָגן,
אַז סיי בייַנאַכט און סיי בייַטאָג
טראָגט זיך פון דאָרט אַן אומעטיק געוויין,
אַן אומעטיק קלאָגן,
ווי פון אַ פאַרבלאָנדזשעט עלנט קינד, —
דאָס וויינען דאָרט די רעשטלעך
פון דעם בלויען ווינט.

---

* „קענטאַקי בליוס״, — אַ פּאָפּולער ליד אין מינאָרע טענער.

און ווער ס׳קומט אין שטאַט קענטאַקי —
„אין שטאַט דעם גאָט־געבענטשטן״,
קען דאָרט זען די בלויע גראָזן
וואָס בלויער ווינט האָט איבערגעלאָזן
ווי אַן אָנדענק פאַר די מענטשן.

סײַ קינד, סײַ גרויסער —
אַלע ווייסן,
אַז אין קענטאַקי איצטער
טוען נײַע ווינטן בלאָזן...
אָבער,
ווי ס׳דערציילט אַן אַלט־אַלטע מעשׂה,
אַז נאָך פון יענע בלויע צײַטן טאַקע
איז דער צונאָמען פון שטאַט קענטאַקי
ביז הײַנט פאַרבליבן:
„שטאַט פון בלויע גראָזן״.

די מעשׂה מיט דעם בלויען שניי און ווינט
איז נאָך אין ערגעץ נישט באַשריבן;
דאָס איז אַ מעשׂה פאַר קייט־און־קינד
וואָס איז אין פאָלק פאַרבליבן.

פּאָול און דער בלויער אָקס

און אין יאָר פון בלויען שניי,
ווען אַ וועלט אַ ברייטע
אַן אויסגעשפּרייטע
האָט געפינקלט מיט בלויע זונען,
האָט פּאָול דעם בלויען אָקס געפונען.

ביז די קני האָט פּאָולן דער שניי דערגרייכט,
און זײַנע קני — ווי ביימער הייך!
האָט ער געשפּאַנט אין טיפן שניי אין בלויען,
געזוכט אַ באַרג ווו זײַן געצעלט צו בויען.

און בערג אין לאַנד האָבן נישט געפעלט.
האָט ער געקליבן ביז ער האָט געפונען
אַ גרויסן באַרג,
דאָרט אויפגעשטעלט אַזאַ געצעלט
וואָס האָט דעם גאַנצן קאָפּ פון באַרג פאַרנומען.

און געבויט האָט ער —
נישט פון גרויסע קלעצער שווערע,
נאָר — פון הויכע, גראָבע קוקורוזע־רערן,
פון דער באַרימטער ברוינער קוקורוזע,
וואָס אָנגעזאַפּט איז מיט קענטאַקער „בוז״ *

---

* „בוז״ — בראָנפן, געמאַכט אין געהיימע ברייזלעך פון קענטאַ־קיער וועלדער און באַרימט געמאַכט דעם שטאַט מיט דעם.

און איז אַ גוטער מיטל קעגן גרויסער קעלט...
אַ מיטל, וואָס איז איינער אין דער גאַנצער וועלט!...

מיט זיינע לאַנגע פיס האָט ער געשפּאַנט
צום גרינעם פלעק — קענטאַקי־לאַנד,
וואָס בלויער שניי האָט דעמאָלט אויסגעמיטן,
און דאָרט האָט ער די ברוינע רערן אָנגעשניטן,
אין פּעק געבונדן, צום באַרג געבראַכט,
און אויסגעבויט פון דעם — אי ווענט, אי דאַך.

די הויכע ווענט האָט ער אַרומגעהאנגען
מיט פעל פון חיות, וואָס ער האָט געפאַנגען;
דעם דיל האָט ער מיט שטרוי געשפּרייט, הויך געבעט;
פון בערן־פעל זיך אויסגעבעט אַ ווייכע בעט;
און אַ טיר האָט ער געמאַכט פון טיגער־פעל,
מיט טיגער־קאָפּ ווי הענטל,
און מיט לייבן־פעל אויף שוועל.

די קאַלטע טעג און נעכט פון ווינטער
איז פאָול געלעגן אין געצעלט;
און כדי נישט פילן ווינט, און פראָסט, און קעלט,
(געזאָגט האָט אים זיין חוש דער געזונטער)
האָט ער געזויגן די קענטאַקיער קוקורוזע־רערן...
און אַ צעוואַרעמטער האָט ער געזונגען
וועגן „ברוינע שטערן" און וועגן „בלויע בערן"...

דעם גאַנצן ווינטער
האָבן אים געלויכטן „ברוינע שטערן"...

און אין געצעלט —
האָבן געשנאָרכעט און גערעוועט „בלויע בערן״....

אָ, נישט פאַר פּאָולן איז דאָס געווען
אַ לאַנגער ווינטער;
מיט אַ קענטאקיער קוקורוזע־רער אין מויל
איז ער געשלאָפן
און נישט געפילט ווי פון זײַן כראָפּען
האָבן בערג אַרום געציטערט;
און נישט געפילט דעם שניי־געוויטער,
וואָס זײַן כראָפּען האָט אויפגעבלאָזן;
און גאָר אינגאַנצן נישט געפילט
ווי דער ווינטער איז פאַרבייגעלאָפן...

—□—

דערווייל האָט דער פרילינג
אין וועג זיך געלאָזן:
ווינטעלעך האָבן מיט וואַרעמקייט
גענומען בלאָזן;
טעג האָבן אָנגעהויבן לענגער ווערן,
וואַרעמער ווערן;
און אויף די הויכע קוקורוזע־רערן
פון פּאָולס געצעלט,
האָט זיך דער אָנזאָגער פון פרילינג —
דער „רויט־בריסטל״ געשטעלט
און — צווישן פליטער, צווישן פלאַטער —
זיך צעזונגען;

און מיט זײַן זינגעוודיקן פייגל־רוף
איוף ברייטער בלויער וועלט צעקלונגען —
„פרילינג איז געקומען!"
„פרילינג איז געקומען!"

ווען פּאָול האָט דעם פייגל־רוף פאַרנומען,
און האָט דערפילט דעם פרילינג אין געצעלט,
איז ער פאַר דער טיר אַרויסגעקומען
באַקוקן די יונג־פרילינגדיקע וועלט:

אַ גרויסע זון איז אין הויכן הימל געשוואומען
און האָט דעם בלויען שניי צעשפיגלט,
צעפינקלט און צעצונדן מיט בלויע זונען
אַנטקעגן אַ בלויער וועלט
מיט פרילינג באַפליגלט

אונטן בלוי, אויבן בלוי, ווייטן בלויע —
אַ וועלט אַ וואַרעמע אין בלוי,
אין אַ לעגענדע איינגעוויקלט, איינגעדעקט,
האָט „רויט־בריסטל" פאַר פּאָולן אויפגעוועקט.

„דאָס אַלץ ביז איצט
איז נישט קיין בלויער חלום געווען!"
האָט פּאָול געזאָגט
ווען ער האָט
די אויפגעוואַכטע וועלט דערזען, —
„עס טאָגט!"
„עס טאָגט אַ נייער טאָג!"

און זײַנע בלוטן האָבן האַסטיקער געגומען שלאָגן;
און אין זײַן קאָפּ האָט פלאַן נאָך פלאַן גענומען יאָגן:

— דער בלויער שניי, האָט ער געטראַכט,
האָט דורך בלויער ווינטער־נאַכט
די ערד מיט אוצרות אָנגעלאָדן;
אין איר אינגעווייד, אין אירע פאַלדן —
דאָרט וואַרטן גרויסע רײַכטימער באַהאַלטן,
רײַכטימער פאַר אַ נײַער בלויער וועלט.

אָט ליגט זי — אַ יונגע און אַ רויִע —
אויסגעשפּרייט,
גרייט צו געבן איר רײַכטום מיט פרייד
צו די וואָס ווילן גראָבן, ווילן בויען,
ווילן שעפּן פון איר קוואַל דעם רויען...

אַך, ווען ער האָט צו זיך נאָך איינעם!
אַזאַ איינעם
וואָס זאָל וועלן אַרבעטן מיט אים אינאיינעם!

און דאָ האָט פאָולס פּנים אַ טיפע זאָרג פאַרצויגן;
ער האָט מיט יאושדיקן ווײ
צום ווײַטן צפון געוואָנדן זײַנע אויגן.

**
*

בלײַך און ווייכער איז געוואָרן בלויער שניי,
באַלד־באַלד וועט ער צעגיין, צערינען.

שטייט פּאָול, קוקט צום בלויען ווײַט אַזוי
און — ס'דאַכט אים, ער זעט דאָרט עפּעס שווימען.

קוקט ער ווידער, און דערזעט ווי הערנער צוויי
דאָרטן שניידן גלייכן וועג אין שניי —
ווי זיי וואָלטן אונטערן שניי געשווומען —
און גלײַך צו אים זיי קומען, קומען, קומען.

האָט פּאָול זיך אָנגעבויגן,
פאַר די הערנער אָנגענומען,
האָט פון שניי אַרויסגעצויגן
און זע: — ער גלויבט נישט זײַנע אויגן!
אַן אָקס, אַ יונגער און אַ בלויער
קוקט אויף אים מיט גרויסע בלויע אויגן.

האָט פּאָול דאָס „עקסל" באַטראַכט, באַוווּנדערט,
און האָט געפרייט זיך גאָר באַזונדערס
מיט דעם טרעפלעכן געפינס.
ער האָט געזאָגט:

„אומזיסט געזאָרגט;
דאָס עקסל איז פאַר מיר אַ גרויס געווינס!
אַזאַ הויך! אַזאַ גרויס! אַזוינע פיס! —
אין גאָרער וועלט קען מען אַזוינס נישט געפינען!

אַזאַ עקסל מוז אָפּשטאַמען
פון יענע אַלטע ריזן-שטאַמען
אין געשיכטעס ווײַטסטע ווײַטן
און פון דער מענטשהייטס אָנהייב-צײַטן".

„בעיב, האָט פּאָול אים אַ נאָמען געגעבן
און האָט געזאָגט:

„בעיב, מיט מיר צוזאַמען וועסטו לעבן!
דו ביסט צו מיר אין רעכטער ציַיט געקומען,
ווי אין אַ נויט קומט אָן אַ גוטער פריַינד;
ווען דער בלויער שניי וועט האָבן זיך צערונען,
וועסטו מיר זיַין מיַין רעכטע האַנט.

און פּאָול האָט דאָס „עקסל" אויף די הענט גענומען
און עס אַריַינגעטראָגן אין זיין געצעלט.
אָבער, ווען פּאָול האָט בעיב אויף די פיס געשטעלט,
האָט עס די גאַנצע גרויס פון געצעלט פאַרנומען.
ווייל בעיב איז, פונקט ווי פּאָול איז —
פון קאָפּ ביז די פיס איין גרויסער ריז!
און מ׳קען נאָך זאָגן: אפשר גרעסער...
איז וואָס קען זיין פאַר אַן אָקס נאָך בעסער
ווי „גרויס" און „גרעסער"?
אַן אָקס איז אַן אָקס! און גאָרנישט געמיינט.
דער גרויסער פּאָול אַליין
האָט פון בעיבס הויך און גרויס געשטוינט.

ווען פּאָול האָט דעם שטח פון בעיב׳ס שטערן
אויסגעמאָסטן — פון האָרן ביז האָרן —
האָט עס געהאַלטן 42 הענטלעך פון זיַין האַק
מיט נאָך אַ צוגאָב, — פּאָולס אַ קניפּ פון קיַי־טאַבאַק;
און ווען ער האָט געמאָסטן דעם „עקסל׳ס" הויך,
האָט ער דריי־ און־ ניינציק הענטלעך אָנגעציילט,
וויַיל זיַין הויך האָט באַלד ביזן דאַך דערגרייכט.

און ביז יאָרן שפּעטער, ווען פּאָול פּלעגט דערציילן
פון בעיב׳ס וווּנדער, פּלעגט ער זאָגן:

„איך האָב פאַרמאָגט שוין פילע אָקסן,
נאָר אַזאַ מין אָקס, ווי בעיב,
איז צווישן אָקסן נאָך נישט אויסגעוואָקסן״.

—□—

און פּאָול האָט מיט בעיב אַ בונד געשלאָסן:
„בעיב״ — האָט ער געזאָגט:
„ס׳האָט אין מיר אויפגעטאָגט
אַז צווישן אונדזביידן, איינגעשלאָסן
ווי אַן אוצר, ליגט פאַרבאָרגן
מענטשנ׳ס וועג צו אַ נײַעם מאָרגן;
און איך גלויב,
אַז איך און דו, בעיב,
זענען דער שליסל צו דעם שלאָס;
איך מיט מוח, דו מיט כּוח,
קענען ברענגען גליק אויף גאָרער וועלט.
זע, די וועלט איז גרויס,
און ברייט, און בלוי,
אָבער, — אָרעם, פינצטער,
ווילד, און רוי.
איז לאָמיר בויען און נישט רוען
ביז אַ נײַע וועלט ווערט אויפגעשטעלט.״

ווי צו אַ געפונענעם ברודער
האָט פּאָול צו בעיב גערעדט;

ער האָט בעיב׳ס האַלדז געגלעט
און האָט געזאָגט:

„בעיב, פון אונדזער גאַנג צוזאַמען
וועלן וועלדער פאַלן פון די שטאַמען;
ווו אונדזער טראָט וועט טרעטן
וועלן ווערן טיפע טײַכן־בעטן;
ווו מיר וועלן בלײַבן שטיין
וועלן שטעט נאָך שטעט אויפגיין —
מיט פאַבריקן, מיט טונעלן, און מיט באַנען,
און מיט בריקן, וואָס וועלן טײַכן איבערשפּאַנען.

„בעיב, האָט פּאָול ווייטער גערעדט:
די גאַנצע וועלט איז בלוי...
נאָר מענטשן זעען נישט, —
זיי זעען גרוי...
דעריבער ווייסן זיי נישט
וואָס אַזוינס איז „גליק".
גליק איז — אַרבעט;
גליק איז — אויפטו;
גליק איז — אויפבוי;
גליק איז — פון נאַכט צו ליכט אַ בריק.

„אויך דאָ איז אַמאָל גרוי געווען;
מיר האָבן אָבער בלוי דערזען,
און דאָס בלוי מוז שוין דאָ פאַרבלייבן!
קיינער וועט עס שוין פון אונדז פאַרטרײַבן!

„מעגן גרויע שטורעמס איבער וועלט זיך טראָגן;
מעגן גרויע ווינטן ווייִנען, וויִען; —
בעיב,
מיר וועלן פאַר קיין אַנדער זאַך נישט זאָרגן, —
מיר וועלן בויען, בויען, בויען!"
בעיב האָט געקײַט דאָס שטרוי פון דיל,
געוויגט זײַן עק אַהין, אַהער,
ווי ער וואָלט געזאָגט מיט זײַן צונג זײַן שטומען:

— וואָס איז דאָ צו קלערן מער?
וואָס מע מוז טאָן — וועל איך;
וואָס מע דאַרף טאָן — וועל איך;
און וואָס מע קען טאָן — וועל איך.

בעיב באַווייזט וואָס ער קען

די זון האָט איר בלויען פּנים פאַרלאָרן
און איז איינגאַנצן אַ ווײַסע געוואָרן.
(כאָטש אין איר מיט, ווער ס׳האָט געקענט זען,
איז נאָך דאָס בלוי פּונעם שניי געווען).

אַ ליכטיקע וועלט האָט זיך באַוויזן
מיט בלויע הימלען, בלויע ווײַטן;
איבער גרינע פּליינען — פון אַלע זײַטן —
האָבן בלויע וואַסערן געריזלט,
פון באַרג געשטראָמט,
צום טײַך געיאָגט,
און מיט דעם מורמלענדיקן טײַכן־שטראָם
צום ים דעם גרין־צעוויגטן זיך געטראָגן.

וועלדער גרינע, ווי אויסגעצוואָגן,
האָבן איבער פּעלדער פריש־פאַרזייטע
ביימער־דופט געטראָגן,
ביימער־דופט געשפּרייט.

—□—

און ווי נאָר פּאָול האָט ביימער־דופט דערשמעקט,
האָט ער זײַן ברייטן גאַרטל אָנגעגורט,
זײַן האַק אין גאַרטל אַרײַנגערוקט
און האָט צום וואַלד געטאָן אַ קוק —

אַ ציטער איז אַדורך זײַן גאַנצן גוף!
זײַן רעוועגדיקער קול האָט אַ ריס־געטאָן די לופט:

„ב־ע־יי־ב, קום!
איך שמעק פון וואַלד דעם דופט!
יעדער בוים מיך רופט!
און,
מײַן האַנט בענקט שוין נאָך מײַן האַק;
און,
מײַן האַק בענקט אויך נאָך מײַן האַנט;
און וועלדער איבערן לאַנד פאַרשפּרייט
שטייען גרייטע;

שטייען גרייטע אָפּצוהילכן דעם קנאַל און שאַל
פון מײַן שאַרפער האַק:
ביימער ווילן פאַלן, בעיב;
ביימער ווילן בויען!...

„קום, בעיב!
אַוועק די צײַט פון רוען!"

און פּאָול האָט מיט בּרייטן שפּאַן
צום טיפן וואַלד געשפּאַנט,
און אַן אָדער, ווי אַ וואָרעם,
האָט געקיצלט אים אין האַנט...

— און אין פּאָול׳ס ברייטע פוס־טריט —
טראָט, נאָך טראָט —
איז בעיב אים נאָכגעגאַנגען שטום
און האָט געקײַט די זויקע פרום.

—□—

און באָך אין יענעם זומער־טאָג,
פון הייסער זון באַגלייט,
איז שניי פון פעלד און וואַלד פאַרשוווּנדן.
האָט פאָול מיט אַ לאַנגען שווערער קייט
אַ גרויסן וואַלד אַרומגעבונדן,
צו דער קייט געשפּאַנט זײַן בעיב
און האָט געטאָן אַ זאָג:

„האַ־אַ־אַ, בעיב!
זעסט אָן יענעם רונדן טייך?
באַווייז דײַן אָקסן־גבורה, בעיב, —
שלעפּ צו דעם וואַלד ביז יענעם רונדן טייך!"

האָט בעיב געטאָן אַ ציִ,
אַ ציִ ווי עס טוען אָקסן;
און מיט דעם איינעם ציִ האָט ער באַוויזן,
אַז ער איז אַן אָקס פון יענע אָקסן
וואָס פאַרמעסטן זיך מיט ריזן:

נישט־נאָר האָט ער יענעם גרויסן יונגן וואַלד
ביז צום רונדן טייך פאַרשלעפּט,
נאָר —
צוזאַמען מיט די וואָרצלען פון דעם וואַלד
האָט ער אויך צום טייך פאַרשלעפּט
דעם אַכט־און־דרייסיקסטן לאַנגיטוד,
וווּ געוואַקסן איז דער וואַלד.

און נאָך ביז היינט צו טאָג—
נישט רונד, נישט גלייך —
ליגט דער אַכט־און־דרייסיקטער לאנגיטוד
אין סאַמע מיט פון יענעם „רונדן טייך"...

—□—

ווען פאָול האָט דערזען דעם כוח
וואָס דער אָקס פאַרמאָגט,
האָט ער אים באַוווּנדערט, אים געגלעט,
און מיט טיפן ערנסט אַזוינס געזאָגט:

„בעיב, איך ווייס,
אַז הונגער, נויט און קעלט,
האָט דיך פון דיין געבוירן־וועלט
אַרויסגעריסן
און האָט דיך — ווי אַ וואָגלער —
דורך אַ ווילדער וועלט געטריבן;
איך ווייס,
אַז בלויער ווינט און שניי האָט דיך
פון ווייַטע פרעמדע ברעגן,
דורך קרומע שווערע וועגן
אַהער געפירט, אַהער געבראַכט...
(כ'האָב זיך נישט באַטראַכט:
אפשר נישט געדאַרפט דאָס אָפן זאָגן?...
אָבער —
נישט זאָגן דעם אמת? — נישט ביי פאָול באַניאַן!

—□—

„און איצט איז קלאָר ווי טאָג,
אַז דו, בעיבֿ, ביסט דער אַרבעט־כוח

פון דעם בלויען ריזנלאַנד;
אַז פון דײַנע ברידער, בעיבֿ,
וואָס זענען צעשפּרייט אויף גאָרער וועלט,
זענען אַרויסגעקומען
און וועלן נאָך אַרויסקומען —
די דזשאַ מאַגאַראַקס, *
די דזשאָן הענריס, *
און די קעיסי דזשאָנסעס, *
וואָס וועלן ווערן
אָט די גבֿורהדיקע, מוסקולירטע האַנט,
וואָס וועט דעם קאָנטינענט אַמאָל —
פון אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק,
און פון נאַיאַגאַראַ ביז דעם ריאָ־גראַנד — **
אַרומגאַרטלען מיט רעלסן־גאַרטלען
פון בלויען גלאַנצעדיקן שטאָל." **

(און פּאָולס חלום פון יענעם יאָר
איז לאַנג שוין, לאַנג געוואָרן וואָר.)
דאָס וווּנדער־שותפות פון די צוויי ריזן —
פּאָול מיט זײַן מוח

* פֿאָלקס־העלדן אין דעם אַמעריקאַנעם פֿאָלקלאָר, וועלכע האָבן מיט אַלע זייערע כוחות און, אפילו מיט זייער לעבן געהאָלפן אויפבויען דאָס וווּנדער־לאַנד — אַמעריקע.

** „נאַיאַגאַראַ" וואַסער־פאַל: אין צפון ניו־יאָרק־שטאַט, גרעניצט זיך מיט קאַנאַדע; „ריאָ־גראַנד" טייך, גרענעצט זיך מיט מעקסיקאָ אין דרום.

און בעיב מיט זײַן כוח —
האָט פאַר דער וועלט דעם וועג צו גליק געוויזן:

בעיב האָט גאַנצע וועלדער צו דעם טײַך געבראַכט,
און פאָול מיט זײַן גרויסער האַק
האָט פון די ביימער קלעצער געמאַכט.
מיט איין שוווּנג פון זײַן שאַרפער האַק
האָט ער דרײַצן ביימער אָרומגעשניטן!

און אַזוי, ריי נאָך ריי:

צו דרײַצן, דרײַצן, האָט ער זיי געשניטן,
פון די שטאַמען אָפּגעהאַקט,
און געבונדן זיי אין פליטן.

און מיט דער הילף פון בלויען ווינט
אין ווײַסע זעגלען אײַנגעשפּאַנט,
האָט ער מיטן טייך געהילץ געטריבן
איבער ברייטע און לענג פון לאַנד.

און ווו ער איז אַ ווײַל פאַרבליבן,
און ווו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט —
זענען דאָרטן שטעט פאַרבליבן
מיט פאַבריקן אויפגעשטעלט,
מיט טונעלן, און מיט באַנען,
און מיט בריקן איבער טײַכן,
און שאָסייען ווײַטע, ברייטע,
אויסגעשפּרייטע
איבער אַ לאַנד אַ יונגער און אַ רײַכער.

דער גרויסער אויפּטו פון פּאָול באַניאַן
און די אַלע וווּנדער פון בלויען אָקס,
איז אַן אַ צאָל און אַן אַ מאָס!
קען מען איבערציילן אין פעלד די גראָזן? —
אַזויפיל וווּנדער האָבן זיי נאָך זיך געלאָזן.

די פינף „פינגער־טײַכן" פון שטאַט ניו־יאָרק
זענען צייכנס ביז הײַנט צו טאָג,
ווו בעיב האָט
אין יענעם ברייטן פעלד
זײַן שווערן טראָט געשטעלט,
ווען ער האָט מיט אײַן צי
פאַרשלעפּט דעם גאַנצן וואַלד —
גלײַך
צו יענעם „רונדן טײַך".

—□—

צו פאַרגעסן דאָס בלויע „עקסל"
און גרויסן אויפּטו פון פּאָול באַניאַן,
וועט נישט יעדער קענען;
אויך נישט —
דעם בלויען שניי און בלויען ווינט.
און כאָטש נישט אַלץ איז נאָך באַשריבן,
אָבער אויף צונג פון יעדן קינד
איז ביז הײַנט צו טאָג פאַרבליבן
אין ליד און לויב

די לעגענדע פון פּאָול באַניאַן
מיט זײַן אָקס — דעם בלויען „בעיב".

פּאָול מיט זײַן בלויען אָקס
זענען אַוועק אין דער בלויער ווײַט.
אָבער,
זיי האָבן נאָך זיך געלאָזן
אַ סך, אַ סך נאָכפאָלגערס
און — אַ נײַע צײַט.

CONTENTS

MY HYMN TO THE U. S. A.

MY FOOTSTEPS IN THE LAND OF THE PEOPLES

ALI FARMERS STORIES

a) My dog Cougar

b) Cougar and the Wolf

c) My Red Cow

A TASTE OF AMERICAN FOLKLORE

a) Introduction

b) Paul Bunyan and his blue ox Babe